**בס"ד** / שנה ו' / פרשת קרח / נומער 317

# קרעטל


**אוצרות זוכעריי אין ברוקלין**
וועלטליכע נייעס

**די געשיכטע פון העלען קעלער**
גרשון קרעמער

**גע'גנבט'ע ספר תורה**
אהרן קליטניק

**געכאפט ביי די מעשה**
אברהם משה שטראססער

**שיטה אדער שוטה?**
ישראל דוד העסקעל




# דעם רבינ'ס קיבוץ ווערט פארברייטערט

א דעטאלירטע שמועס מיטן עסקן **מו"ה העניך יצחק אינדיג הי"ו** איבער די נייע בנינים וואס ווערן יעצט געבויעט אין אומאן ביים רבינ'ס הייליגן קיבוץ. **נתרבין הבתים**

**בס"ד**

קרח
תשפ"ו

**נומער**
**317**
שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | קול הברה |
| **06** | עידנו |
| **08** | וועלטליכע נייעס |
| **11** | מעשה פון תפילה |
| **12** | אלטן און אלעמען |
| **14** | צום פינטל |
| **18** | א ווארט צוויי |
| **24** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **28** | דעם רבינ'ס קיבוץ |
| **34** | מעשה פון א צדיק |
| **38** | געדאנקען |
| **3842** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

27_DIGITS™

# ווייפיל
# נומבערס
# דרייען זיך
# פון ניין
# ביז פינף

הערשי זעט נומבערס.
נומבערס ווילן זען הערשי.

זייענדיג פארנומען
אויפצובויען דיין
ביזנעס האלטסטו
נישט מיט ווי נומערן
קומען און גייען. מיטן
נעמען הערשי פאר
דיין בוק-קיפער וועט
עס נאר זיין א מעלה.

27digitsllc@gmail.com
718.669.8921

dominogrp.com

# קוֹל הַבְרָה

## כשרות אין ליבערטי

לכבוד מערכת דער בלעטל החשובים.

איך שיק אייך דא א צייטונג אויסשניט וואס מען האט לעצטנס מפרסם געווען אין די אידישע אויסגאבעס א ארטיקל וואס איז געדריקט געווארן אין די טאגבלאט דאטירט כ׳ סיון תרפ״ז ולמס׳ june 20 1927

פאר איך גיי ברענגען דעם שטיקל און די באמערקונגען וואס כ׳האב אויף דעם וועל איך שרייבן אין א זייטיגע נאטיץ, אז כ׳האב אזוי אויך געזוכט אביסל אידישע ספרים וואס אלץ האט פאסירט און איז דאקומענטירט אויפן יאר תרפ״ז כדי די חשוב׳ע ליינער זאלן האבן א אנונג פון וועלכע תקופה מיר רעדן (פונקט 99 יאר צוריק) האב איך אזוי געטראפן אין בית ועד לחכמים א אנאנס.


ברכת מז״ט חמה ונלבבה יגיע לכבוד אהובי אחי היקר ה״ה הב׳ החתן החריף ובקי, משנתו זך ונקי מו״ה יצחק אייזיק ראטה מנאדי־בערעג שהי׳ גבאי דח״מ דישיבה הרמה דפה סאטמאר, להתארשותו. יהא דרכו צלחה בתורה ויראה, עושר ואושר כדרישת אחיו, שרגא פייבל ראטה לומד בישה״ר סאטמאר.

לבי אומר לי אז ס׳האט אסאך שייכות צום שטעטל איך ווייס נישט צו דער ראש ישיבה איז א אייניקל אבער אז ס׳דא עטליכע אייזיק ראטה׳ס אין ליבערטי גלויב איך אז דער סאטמאר׳ער גבאי בישיבה (פון בעל קרן לדוד) ר׳ יצחק אייזיק ראטה איז א קרוב משפחה מיט זיי.

אזוי אויך זע איך אז דאס איז דער יאר וואס הרה״ק מהרי״ד מ׳בעלז זי״ע איז נפטר געווארן און זיין זון הרה״ק מהר״א זי״ע איז געווארן דער ממלא מקום. ביז דא סתם פאר אינטערעסאנטקייט פון היסטארישן שטאנדפונקט.

יעצט אז מיר האבן שוין ארויס די תקופה ווילן מיר אביסל דורכגיין די נייעס פון "ליבערטי פון אמאל" און איך וועל איבערגעבן מיינע הרגשים.

ליינענדיג דעם ארטיקל וועסטו תיכף זען אז פאר 99 יאר צוריק האט אין ליבערטי געוווירבלט א פרום אידיש לעבן מיט א הארץ פארן אייבערשטן וואס האט געקאכט פאר כשרות און פאר א שחיטה מהודרת, נעמענדיג אין באטראכט אז די אויסגאבע טאגבלאט איז נישט געווען קיין פרומע אויסגאבע און די רעדאקטארן זענען געווען גאר ווייט פון צו זיין שומרי תורה ומצות איז זעלבסט פארשטענדליך אז די ארטיקל איז א באצאלטע אדער א פרייע אנאנס וואס האט געדעקט בלויז די טעכנישע פרטים פון דעם אווענט.

דער אווענט אין די שול אין ליבערטי איז געווען ווי איר קענט ליינען צווישן די שורות אן אסיפה לחיזוק הדת היהודות והכשרות פאר די שטאט און פאר גאנץ סאליוועו קאונטי, און אין ליבערטי האבן געוואוינט און געוועריקט די פאן טרעגער וואס האבן געקעמפט פאר אידישקייט. ליינט די שורה וואס ציטירט די ווערטער פונעם שוחט הרב אברהם אולמאן ז"ל "עס האט זיך געפאדערט מתינות חכמה און מסירות נפש איינצופירן כשרות און יעצט איז ליבערטי די כשר'סטע פלייס אין גאנצן געגנט"

די דריי ווערטער מתינות חכמה און מסירות נפש האבן מיר עפעס דערמאנט, עס האט מיר דערמאנט די טאקטיקן מיט וואס דער ראש ישיבה פירט אלע זיינע פעולות ובפרט די פעולות למען כשרות וטהרת הקהלה והמוסדות אין ליבערטי.


דאָס אידישע לעבען אין די "בערג"

אין ליבערטי איז פארגעקומען אין שוהל א גרויסער מאסען־מיטינג מיט דעם צוועק צו גריגדען א וער השחיטה והכשרות אין סאליוואן קאונטי. עס זיינען געוועזן פארטראטען אלע ווילעדזשעס אין דער קאונטי דורך קאמיטעס, אויך פיעלע האטעל־קיפערס און בוטשערס. עס איז געגרינדעט געווארען א ועד השחיטה והכשרות, וועלכע וועט ארומנעהמען די השגחה איבער די שחיטה און כשרות אין גאנצען געגענד. דער מיטינג איז געעפענט געווארען פון הרבי הגאון מו"ה יהודא ליב זעלצער, מזכיר פון אגודת הרבנים האורטודוכסים דניויארק מיט זעהר א שעהנע רעדע. ער האט געשילדערט דעם מצב הכשרות און אנגעוויזען, אז עס קומען אהער אום זומער הונדערטע טויזענדע אידען וואס ווילען עסען כשר'עס. עס האט אויך זעהר באגייסטערט גערעדט הרב הגאון מוואודריטש. הרב ר' שאול מארגענשטערן. הנגיד מר סלייגבערג פון וואור

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

ריסש האט פארגעשלאגען פראקטישע עצות ווי אזוי אנצוגעהן מיט דער אר־ בייט.

נאכדעם האט גערעדט הרב הגאון ר' ישראל ראזענבערג, יושב ראש פון אגודת הרבנים. ער האט פארשפראכען, דאס די אגודת הרבנים וועט געבען דעם ועד הכשרות זיין פולסטע שטיצע און טראצדעם, וואס די אגודת הרבנים גי־ בען קיין השגחה אויף האטעלס, יעדאך וועלען זיי עס יא טאן דורך דעם ועד הכשרות און וועלען אויך ווירקען ביי דער רעגיערונג זי זאל שטיצען דעם ועד הכשרות.

הרב ראזענבערג האט פארגעשלאגען, דאס דער פרעזידענט פון דער ועד־ הכשרות זאל איינשטימיג עלעקטעד ווע־ רען דער באוואוסטער נדבן מר. וו. סי־ געל פון סטיווענסוויל. ער איז איינ־ שטימיג עלעקטעד געווארען אלס פרע־ זידענט. נאכדעם האט דער פרעזידענט פון אגודת חשוחטים דסאליוואן קאונטי

הר' אברהם אוללמאן אין א קורצע רעד־ דע געגעבען אן איבערבליק איבער די אויפטהואונגען זיינע אויף דעם כשרות געביעט אין ליבערטי, וואו עס האט זיך געפאדערט מתינות חכמה און מסירת־ נפש איינצופיהרען כשרות און יעצט איז ליבערטי דאס כשר'סטע פלייס אין גאנצען געגענד.

עס זיינען שרועהלט געווארען די איבעריגע בעאמטע פון'ם ועד הכשרות:

פרעזידענט — מר. וו. סיגעל, פון סטיווענסוויל; וויס־פרעזידענט — מר. מ. וואלף, פון פוירנדייל; צווייטער וויס פרעזידענט — מר.־מ. בירענפעלד, פון ליבערטי; טרעזשורער—מר. גיוטאן, פון וואודהידזש; סעקרעטאר — הר' א. אללמאן, פון ליבערטי; ראטהמענער— מר. בארגשטיין, פון וואודרידזש; מר. מ. קאטץ, פון פוירנדייל; מר. י. י. באסטניק פון ליבערטי; מר. דזשייקאב־ סאן, פון מארקסוויל; דר. ב. דייוויס, פון ליבערטי.

די צייט איז צו ענג צו ברענגען מקורות אבער די ספרי קודש בכלל און די ספרי חסידות בפרט זענען איבערגעפילט מיט מאמרים אז א מקום איז גורם א השראה פון קדושה און אויף א מקום וואס פריערדיגע האבן מתפלל געווען פאראגאסן טרערן און געטון פעולות איז די פעלד גרייט און אויסגעאקערט צו טון נאך פעולות לטובה למען שמו יתברך.

עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז די אידן און די רבנים וכלי קודש האבן פאראגאסן טייכן טרערן מיט תפילות ותחנונים אז ליבערטי זאל אויסשטייגן א מקום פון כשרות פון המשכות הדורות פון הרבצת התורה און טהרה וקדושה ביז משיח'ס טאג.

איך גלייב אז ווען די כוחות הסט"א האבן זיך לפי שעה מתגבר געווען פאר זיבעציג אכציג יאר צוריק און ס'איז בטל געווארן טעמפארערלי די אלע פעולות האבן מאנכע געפרעגט וואו איז די תוצאות פון די בלוט און טרערן.

אבער דער נביא שרייט: דבר אלקינו יקום לעולם. פעסט פארווערד (ריק שנעל פאראויס) אזוי ארום זיבעציג יאר בערך ווערט אויפגעשטעלט טאקע אין ליבערטי דורך קהלת היכל הקודש א שחיטה מהודרת שאין דוגמתה דורך דעם ראש ישיבה'ס הדרכה, א פעסטונג פאר כל דבר שבקדושה עס ווערט מקויים הרב אולמאנ'ס ווערטער לעד ולנצח "ליבערטי די כשר'סטע פלייס אין גאנצן געגנט".

**להודיע שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך**

*י.ב.פ.*

# אירנו

## פארדינגען דירות פאר זומער

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גרייטן מיר זיך אנצוהייבן דעם זומער סעזאן אין שטעטל אין צווייי וואכן ארום, ווען פיל משפחות אין שטעטל דינגען ארויס דירות פאר זומער געסט וואס קומען פאר צוויי חדשים.

משום מעשה שהיה, ווילן מיר דערמאנען און בעטן, אז בעפאר מען דינגט ארויס א דירה פאר די זומער, זאל מען אנפרעגן ביי די חברי הנהלה.

עס איז וויכטיג דאס נישט צו נעמען פאר לייכט, און קענען זיכער מאכן אז מיר קענען האלטן אונזער הייליגע שטעטל א גוטע פלאץ אויפצוהאדעווען אונזערע קינדער אפגעהיטענערהייט..

## טשיילד קעיר צוריק געעפענט

מיטן אייבערשטנס הילף האט די קאונטי געמאלדן אז זיי גייען אננעמען פרישע אפליקעישאן'ס די סוף חודש למספרם פאר טשיילד קעיר.

דאס קומט נאך אסאך תפילה פון אלע אנשי שלומינו וואס האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז די וויכטיגע פראגראם, וואס געט א שטיפ פאר אונזער מוסד אנצוהאלטן ווייטער, האט זיך אויפגעהערט פאר א שטיק צייט, און עס האט אויסגעזען ווי די גאנצע פראגראם גייט זיך פארשליסן. אבער ברוך השם אז דער אייבערשטער האט געהאלפן און זיי גייען ווייטער אנהאלטן דעם פראגראם.

אין אנדערע נייעס פאר די מוסד, האט די עדוקעישאן דעפארטמענט פרובירט צו שטערן די מוסד פון באקומען לאנטש פראגראמען פאר דעם ארט וואו די אינגלעך לערנען זומער.

נאך אסאך תפילות און שתדלנות פון די חברי הנהלה האט מען ברוך השם יא באוויזן צו ווערן באשטעטיגט פאר די פראגראם.

## שטעטל קאר סערוויס

די שטעטל קאר סערוויס וואס גייט שוין אן ברוך השם צום גוטן זייט אנהויב יאר, זוכט נאך דרייווערס צו קענען אניאגן אלע טריפס, בפרט יעצט ווען עס קומט די זומער חדשים און מען גייט מער ארויס פון שטוב.

אין די זעלבע צייט ווילן מיר בעטן, אזויווי עס איז דא ספעציעל צוגעשטעלט פרויען דרייווערס פאר די פרויען וועלכע ווילן דאס, איז וויכטיג ווען מען באשטעלט א טריפ פאר א מאן, צו זאגן אז מען וויל א מאן דרייווער.

מיר פרובירן זייער שטארק זיכער צו מאכן אז אלע טריפס ווערן געקאווערד אין צייט. מיר האפן אז אויב עס וועלן זיך אנשליסן נאך עטליכע דרייווערס וועט מען קען אנקומען צו אלע טריפס אסאך שנעלער.

נייעס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## טויזנט ווערטער



זיצונג מיט די חשובע וואלונטירן

## מאנים לשבת קודש

פרשת קרח
ה' תמוז

הדלקת הנרות .. 08:18

מוצאי שבת ...... 09:49

מנחה
מעריב

פרשת חק"ב
09:35

## רעגיסטרירן

ווי אלע ווייסן און האלטן מיט, איז די וועג וויאזוי מ'קען האבן א ווארט ביי די שטאטישע טאטעס נאר מיט דעם וואס זיי זענען אונזערע שטומעס, אן דעם קוקן זיי אונז נישט אן, דאס איז געווען די מציאות ביז היינט.

יעדע שטיק צייט קומען צו נאך מענטשן וואס קענען שוין שטומען, מ'לייגט צו נאך און נאך מענטשן צו די ליסט.

יעצט וויל מען מאכן א דרייוו אז אלע אידן וואס האבן דירות אין די קעמפס און קאנטריס ארום אונז זאלן זיך רעגיסטרירן אז זיי וואוינען דא, וואס באמת דא אין די קעטסקילס מאכט גאר שטארק אויס זייער שטומע, ווידעראום אין שטאט מאכט דאס כמעט נישט אויס.

צוליב דעם האט מען זיך צאמגעזעצט מיט די וואלונטירן וואס העלפן אלעמאל ביי די צייט וואס מ'דארף שטומען, זען וויאזוי מ'גייט אויסארבעטן די פלענער פאר דעם.

מ'האפט צום אייבערשטן אז דאס וועט זיך אויסארבעטן, מיט תפילה וועט מען אנקומען גאר ווייט.

## נייעס'לעך

# וועלטעלע



## באַמיאונגען איבערצוגעבן מאימאנידעס שפיטאל פאר די סיטי דורכגעפאלן

אין גוטע נייעס הערט מען איבער גוטע אנטוויקלונגען די וואך אין דעם אנגייענדיגן קאמף ארום דעם צוקונפט פונעם מאימאנידעס שפיטאל אין בארא פארק, ווען דער רעגירונג׳ס פלאן צו באקומען קאנטראל דערויף האט געליטן נאך א נידערלאגע.

די עסקנים וואס פירן דעם קאמף פארציילן, אז דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט האט נישט ארויפגעלייגט דעם נושא אויפן אגענדע פון דער קומענדיגער פאבליק העלט קאונסיל זיצונג. דאס מיינט אז דער פראצעדור וועט לכל הפחות נישט אזוי שנעל דורכגיין.

מיט עטליכע וואכן צוריק האבן היימישע ארגאניזאציעס פון בארא פארק אריינגעגעבן א קלאגע אין געריכט קעגן דעם וואס די שטאט וויל איבערנעמען דעם שפיטאל, וואס באדינט דעם היימישן ציבור אין בארא פארק שוין פאר לאנגע יארן. א ריכטער האט דאן געאורטיילט, אז זיי האבן נישט געהאט קיין רעכט זיך גלייך צו ווענדן צום דעפארטמענט אוו העלט אריבערצופירן דעם שפיטאל צו שטאטישער קאנטראל, נאר זיי האבן געדארפט דורכגיין דעם גאנצן פראצעדור פון אפהאלטן א פאבליק הירינג, וואו דער ציבור קען זאגן זיין מיינונג.

די עסקנים זאגן אז א שטאטיש-געפירטער שפיטאל איז א גרויסער חורבן; זיי ווייזן אן אביישפיל פון אנדערע שפיטעלער וואס די שטאט פירט אן נעבן די היימישע געגנטער, וואו עס איז א שאד צו רעדן ווייטער – קיינער טרעט נישט איבער דעם שוועל פון די שפיטעלער. דער רעקארד ווייזט אונז אז אין אלע שפיטעלער וואס די שטאט פירט איז דער צושטאנד זייער שלעכט און קיינער זוכט נישט אהין צו גיין, און מען וויל נישט אז מאימאנידעס זאל זיי נאכפאלגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע וואס דארפן רפואות זאלן געהיילט ווערן וואס אמשנעלסטן, און מען זאל זיך נאר דארפן באנוצן מיט די שפיטעלער אויף שמחות.

ווען מען טראכט נאר אז ׳מיימאנידיס׳ גייט אפשר ווערן א שוואכערע שפיטאל ווייל עס וועט גיין אונטער די קאנטראל פון די שטאט, ווערן אלע אויפגעברויזט: ״היתכן? איך וויל האבן דעם בעסטן דאקטאר און דעם בעסטן שפיטאל!״ די זעלבע זאך איז מיט אונזער נשמה; מיר קענען נישט גיין צו סתם א דאקטער אדער צו סתם א שפיטאל, מיר דארפן דעם הייליגן רבי׳ן. ער פארשטייט אונזער מחלה און ער פארשטייט וואס פארא מעדיצינען מיר דארפן כדי צו זיין געזונט. אז מיר וועלן נעמען זיינע רפואות, לערנען אביסל פון זיינע הייליגע תורות, פאלגן זיינע עצות, זיין פרייליך מיט יעדע זאך, רעדן צום אייבערשטן, לערנען כאטש אביסל יעדן טאג, און רעדן שיין צו די ווייב אפילו ווען עס איז שווער, וועלן מיר זוכה זיין צו א גוט לעבן בזה ובבא.

**בורא רפואות**

**גרשון קרעמער**



## מיסטעריעזע "אוצר-זוכער" אין ברוקלין

די וואס האבן געהערט די נייעס, האבן געהאט א פרישע סיבה אריינצוגיין אין א פאניק, ווען בערך צוויי וואכן צוריק האבן איינוואוינער באמערקט עטליכע מיסטעריעזע פארשוינען מיט צוגעדעקטע פנימער וואס האבן אויפגעהויבן די שווערע אייזערנע "מענהואל" דעקלעך אינמיטן די גאס. די חברה זענען אריינגעגראכן אין די טיפע סוער פייפס און פארבראכט דארט פאר עטליכע שעה.

בילדער און ווידיאוס האבן זיך שנעל פארשפרייט, און פילע האבן מורא געהאט ווער ווייסט וואס זייערע כוונות זענען, בפרט איז מען געווען באזארגט אז מען האט זיי געזען אין די היימישע געגנטער ווי וויליאמסבורג און פלעטבוש. די לאקאלע חסד און סעקיורעטי ארגאניזאציעס האבן תיכף אריינגעמישט די פאליציי, און די גאסן האבן געקאכט מיט שמועות און פחדים.

אבער ווי געווענליך האט זיך ארויסגעשטעלט אז מען האט זיך דערשראקן אומזיסט; עס זענען נישט געווען קיין טעראריסטן אדער קיין פארברעכער, נאר פשוט'ע "אוצר-זוכער". דאס זענען מענטשן וואס האבן באשלאסן אז דארט אין די טיפע און שמוציגע סוער רערן קען מען אפשר טרעפן טייערע צירונג, גאלדענע רינגלעך אדער געלט וואס איז בטעות אריינגעפאלן דורך די לעכער במשך די יארן. עס איז מבהיל אל הרעיון ווי אזוי זיי זענען געווען גרייט איינצושטעלן זייער לעבן און אראפקריכן אין די פארשטונקענע פייפס, בלויז צוליב דעם דמיון אז דארט וועלן זיי טרעפן זייער גליק.

אין אזעלכע צייטן איז כדאי זיך אפצושטעלן איין רגע און בעטן דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל וויסן אז נישט דורכ'ן קריכן אין די 'סוער' וועל איך געפינען מיין אוצר. העלף מיר איך זאל נישט פארלירן מיין שכל און נעמען א שלעכטע כלי צו זוכן נארישקייטן; איך זאל פארשטיין אז דאס וועט מיר נישט נאר נישט ארויסנעמען פון מיין עצבות און מרה שחורה, נאר פונקט פארקערט." ווייל דער אמת איז, אז ווען א מענטש היט זיך נישט די אויגן רחמנא לצלן, פארלירט ער זיין גאנצן חן; ער פארלירט דעם טעם פון אהיימקומען צו זיין ווייב און קינדער, וואו דארט געפינט זיך באמת זיין גאנצער אוצר.

טייערער איד, דו זוכסט דיין אוצר? דו דארפסט נישט גיין אין ערגעץ! דער אוצר ליגט ביי דיר אינדערהיים. גיי אהיים צו דיין ווייב און קינדער, זיי ווארטן שוין אז דו זאלסט רעדן מיט זיי, זיי ווילן אז דו זאלסט זיי אויסהערן. דארט געפינט זיך דיין גליק! וואס מער דו וועסט זיך דערווייטערן פון די שמוציגע וואסערן, אלס מער וועסטו אנהייבן שפירן ווי גליקליך דו ביסט אז דו האסט חתונה געהאט און אז דו ביסט געבוירן א איד. האסט אויך א חומש און א משניות, ווער איז נאך אזוי גליקליך ווי דו!

**אוצר של יראת שמים**

גרשון קרעמער



## איז דא אן אפמאך צווישן אמעריקע מיט איראן?

בעת מיר שרייבן די שורות קומען אריין פרישע באריכטן - וואס זענען נאך דערווייל נישט אינגאנצן קלאר - אז נאך לאנגע חדשים פון דיפלאמאטישע געפעכטן און פארהאנדלונגען, האט מען מעגליך דערגרייכט א געוויסע פארשטענדעניש צווישן די צוויי פיינטליכע מדינות, אמעריקע און איראן. לויט ווי מען הערט יעצט, זעט אויס אז אן אפיציעלע אונטערשריפט וועט מעגליך נאכפאלגן אין די נאענטע טעג אויף א נייטראלן שטח אין שווייץ.

עס האנדלט זיך דא איבער א דיעל וואס ווערט אנגערופן א "מעמאראנדום פון פארשטענדעניש" (MOU), וואס דאס דינט אלס אן ערשטע שריט צו בארואיגן די געמיטער, כדי צו געבן די נויטיגע צייט אויסצואַרבעטן א פולשטענדיגן און מער דעטאלירטן אפמאך.

כאטש די באריכטן זענען נאך שטארק פארנעפלט, זאגט מען אז די הויפט פונקטן פונעם פלאן זענען ווי פאלגנד: איראן וועט זיך מחייב זיין נישט צו פראדוצירן אדער באקומען קיין נוקלעארע וואפנס. אמעריקע וועט זיך צוריקהאלטן פון ארויפשטעלן פרישע עקאנאמישע סאנקציעס, און געוויסע עקזיסטירנדע באגרעניצונגען וועלן נאכגעלאזט ווערן, וואס דאס וועט ערלויבן צו באפרייען די פארפרוירענע איראנישע געלטער. דער וויכטיגער וואסער-דורכגאנג, דער "סטרעיט אוו הורמוז", וואס דינט אלס איינע פון די קריטישסטע אויל-רוטעס אויף דער וועלט, וועט געעפנט ווערן פאר אינטערנאציאנאלע שיפן. ביידע זייטן וועלן באקומען א צייט-אפשניט פון צוויי חדשים צו פארהאנדלען איבער די שאלות פון בארייכערן אוראניום און בכלל איבער איראנ'ס נוקלעארע אינפראסטרוקטור.

די גאנצע וועלט האלט יעצט ביי א מצב פון העכסטע אנגעצויגנקייט און שפאנונג. די סיבה פארוואס די גרויסע וועלט-מאכטן קענען בשום אופן נישט צולאזן אז איראן זאל אנטוויקלען אן אטאם-באמבע, איז צוליב די שרעקליכע חורבנות וואס נוקלעארע וואפן ברענגט מיט זיך. ס'איז א כלי משחית וואס איז פשוט צו מאכטיג; עס קען חרוב מאכן און פארניכטן טויזנטער מענטשן אויף איין קלאפ רח"ל, און דאס ערגסטע דערפון איז - אז עס קוקט נישט אן קיין שום חילוק צווישן א מיליטערישע טארגעט און אומשולדיגע ציווילע בירגער. אין א נוקלעארע מלחמה ליידן אלע אינאיינעם, ה"י.

דו קענסט שוין רואיג אונטערשרייבן א "מעמאראנדום פון פארשטענדעניש" מיטן אייבערשטן; לייג אוועק די שעדליכע נוקלעארע וואפנס פון עצבות, מרה שחורה און קנאה, און לאז זיך ארויס אין א טאנץ פון שמחה - וואס דארפסטו דען מער ווי דעם אז דו ביסט געבוירן א איד!

**מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד**

# מעשיות פון תפילה



**אלחנן זויבערמאן** | צפת

1. איין נאכט ביים אהיימקומען מיט מיין קאר, זע איך אז די פארקינג פארנט פון מיין הויז איז שוין פארכאפט, איינער האט זיך שוין דארט באקוועם געמאכט.

אין אזא פאל נעמט מען ארויס די עצה פון תפילה און מען בעט דעם אייבערשטן, "הייליגער באשעפער העלף אז ס'זאל ווערן פלאץ פאר מיין קאר צו פארקן".

אזוי אינמיטן בעטן און זיך אומקוקן ארום און ארום זע איך פונדערווייטענס א פלאץ פונקט געאייגענט פאר מיר צו פארקן.

די מעשה האט זיך נאכנישט געענדיגט. איך האב אנגעהויבן אהינפארן, אבער אינמיטן איז געווען א רויט לייט.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז קיינער זאל נישט יעצט אנקומען און עס געבן א כאפ אוועק פאר מיינע אויגן.

און... פלוצלינג זע איך טאקע אז איינער קומט צו פארן און גיט זיך א פארק אזוי געשמאק אויף יענעם פארקינג וואס איך האלט אן אויג. גם זו לטובה.

אבער תפילה איז שטערקער פון אלעס. נאך צוויי סקונדעס פאר עס איז געווארן גרין האט זיך איין קאר ארויסגעריקט פון זיין פארקינג, און אזוי האב איך געהאט א פיינעם פארקינג, טאקע נישט יענע אויף וואס איך האב געקוקט, נאר אויף די פארקינג וואס דער אייבערשטער האט אוועקגעלייגט פאר מיר.

שכח אייבערשטער!

2. מיין טאכטער דארף אריבער גיין א שווערע קאמפליצירטע אפעראציע, איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה צו וועם איך זאל גיין.

דער ראש ישיבה האט געזאגט איך זאל פרעגן דער באקאנטער עסקן מו"ה אלימלך פירר הי"ו פון בני ברק און וואס ער זאגט זאל מען טון.

איך האב אנגערופן פרעגן ווען מען קען האבן א זיצונג מיט אים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס זאל זיך נישט שלעפן, איך זאל נישט ווערן אויפגעהאלטן מיט לאנגע אפוינטמענטס.

שכח אייבערשטער אז כ'האב געקענט האבן א שנעלע תור ביי יענעם...

# אלץ און אלעמען



## די געשיכטע פון העלען קעלער

**שאלה**

איך האב מורא'דיג הנאה פון אייערע שיינע ארטיקלען. איך האב געוואלט פרעגן א שאלה: ווער איז געווען דאס מיידל פון די אמאליגע צייטן וואס האט געהייסן העלען קעלער? איך ווייס אז זי איז געווען בלינד און טויב, זי האט נישט געקענט זען און נישט הערן.

איך האב געהערט אז זי איז שפעטער געווארן א באקאנטע רעדנערין און א שרייבערין. איך פרוביר צו פארשטיין: וויאזוי קען מען קאמיוניקעיטן מיט איינעם וואס קען נישט הערן און נישט זען, אז זי זאל קענען פארשטיין?

ז. דרעזנער

**ענטפער**

דיין שאלה איז א געוואלדיגע שאלה. אבער אזוי ווי דער כלל גייט "שאלת חכם חצי תשובה", איז דער תירוץ - אדער בעסער געזאגט דער מוסר השכל פונעם תירוץ - נאך פיל בעסער. די לעבנס געשיכטע פון העלען קעלער איז א מעשה וואס ברענגט ארויס גאר שטארק דעם כוח הרצון.

דער רבי' פלעגט אונז שטענדיג זאגן אז דער עיקר איז דער רצון, און דאס קען אונז קיינער נישט צונעמען. "אין דבר העומד בפני הרצון", האט רבי נתן געזאגט; דאס מיינט סיי אז אויב מען האט א רצון וועט מען מיט סיעתא דשמיא און אסאך תפילות אנקומען דערצו, און אפילו ווען דער אויבערשטער פירט אנדערש, וועלן מיר בלייבן מיט אונזער "וועלן". דאס איז אויך פשט אין "אין דבר העומד בפני הרצון", אז קיינער קען אונז נישט שטערן פון וועלן.

לאמיר צוריקגיין צו די באקאנטע געשיכטע פון די לעגענדארע העלען קעלער. מיט בערך הונדערט-פופציג יאר צוריק (ארום שנת תר"מ) איז געבוירן געווארן א געזונט קינד וואס מ'האט א נאמען געגעבן העלען קעלער.

אבער ווען זי איז אלט געווען בערך אנדערהאלבן יאר, האט זי זיך ליידער אנגעשטעקט מיט א מחלה וואס האט איר איבערגעלאזט גענצליך בלינד און טויב ל"ע. זי האט פארלוירן יעדע נארמאלע מעגליכקייט זיך צו פארשטענדיגן מיט די ארומיגע, און זי איז נעבער געבליבן לעבן אין א טונקעלע און שטילע וועלט.

דער אייבערשטער האט אבער געוואלט אז זי זאל ארויסגיין פון איר פינסטערניש, האט ער צוגעשיקט א ספעציעלע טיטשער ווען זי איז אלט געווען קנאפע 7 יאר וואס האט אויסגעפונען א מהלך וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט איר. די לערערין האט געכאפט אז דאס קינד קען פילן ווען מ'רירט איר אן, און מ'קען דאס אויסניצן צו קאמוניקירן מיט איר.

אבער וויאזוי קען מען זיך קאמוניקירן מיט איינעם וואס מ'קען איר אפילו נישט מסביר זיין וואס מ'וויל? די טיטשער האט גענומען העלען'ס האנט און "געשריבן" (נישט ממש געשריבן, נאר געטאפט אויף איר האנט אזוי ווי מען שרייבט) די ספעציעלע שפראך פון אותיות פאר בלינדע.

## פראגעס און
## ענטפערס איבער
## אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447

דאס קינד האט אנהייב בכלל נישט געכאפט וואס מ'וויל פון איר, און זי האט עס קודם אנגעקוקט ווי סתם א שפיל. די לערערין האט אבער נישט אויפגעגעבן און ווייטער ממשיך געווען צו "שפילן" מיט איר, דאס אויסקריצן די אותיות.

ביז איין שיינעם טאג האט עס פאסירט: די לערערין האט אונטערגעשטעלט דעם קינד'ס האנט אונטער א קראן פון קאלטע וואסער, און שנעל אויסגעקריצט אויף איר צווייטע האנט די אותיות "וואסער" (W-A-T-E-R). מיט סייעתא דשמיא האט זי פלוצלונג געכאפט דעם געדאנק! זי האט ענדליך פארשטאנען אז די באוועגונגען אויף איר האנט באדייטן די פליסיגע זאך וואס פליסט יעצט אויף איר רעכטע האנט.

דא האט זיך פאר איר געעפנט א גאנצע נייע וועלט. העלען פלעגט "פרעגן" אויף יעדן חפץ וואס זי האט נאר באגעגנט וואס דאס איז (זי פלעגט ווייזן מיט איר האנט אז מ'זאל איר אויספעלן די אותיות).

מיט די צייט האט זי זיך אויסגעלערנט צו לייענען "ברעיל" (דאס זענען אותיות וואס זענען אריינגעקריצט אינעם פאפיר, וואס מ'קען שפירן מיט די פינגער), און זי האט זיך אפילו אויסגעלערנט צו רעדן דורך לייגן אירע פינגער אויף די ליפן און אויפן האלדז פון איר לערערין; אזוי האט זי געכאפט דעם קאנצעפט פון רעדן דורך שפירן די ציטערנישן וואס קומען ארויס פונעם קול.

מיט די צייט איז זי טאקע באקאנט געווארן אלס א גרויסע שרייבערין און האט ארויסגעגעבן א רייע ביכער.

מ'קען זיך אסאך ארויסלערנען פון די מעשה, איינס דערפון איז די שטארקע כח הרצון, און אויך זיך לערנען נישט נאכצולאזן און קיינמאל נישט אויפצוגעבן. עס גייט נישט? ווער נישט דערשראקן, נאר גיי ווייטער מיט דיינע כוחות! דער באשעפער פירט דאך די וועלט, און ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען, וועט זיך די גאנצע ארבעט אויסצאלן און דיין ליכט וועט אויפשיינען.

**אין דבר העומד בפני הרצון.**

**שאלה:** איך האב לעצטנס געהערט, אז די וואס באקומען א טראפיק טיקעט אין ניו יארק, באקומען - אויסער דעם געלט-קנס וואס מען דארף צאלן - אויך געוויסע שטראף "פוינטס". איך וויל פארשטיין וואס איז דער פשט פון די פוינטס? פארוואס ווערט דאס גערעכנט אלס א קנס? קען מען דאס עפעס אראפנעמען? גייט עס אראפ אויטאמאטיש מיט דער צייט? און אויב יא, ווי לאנג נעמט עס?

**ענטפער:** דו פרעגסט עטליכע גוטע שאלות. די פוינט סיסטעם איז אוועקגעשטעלט געווארן צוליב דעם, ווייל א פוינט וואס מען באקומט בלייבט אקטיוו אויפ'ן רעקארד פאר אכצן חדשים. און פארוואס זאלן דרייווערס מורא האבן דערפון מער ווי פון א געלט קנס? ווייל אויב א דרייווער זאמלט אן בלויז עלף אקטיווע פוינטס אויף זיין רעקארד, פארלירט ער זיין רעכט צו דרייוון און מען נעמט אים צו די לייסענס. מעגסט האבן וויפיל געלט דו ווילסט, אבער מען נעמט דיר אראפ פון די ראוד.

און וואס קען א מענטש טון אויב ער האט שוין יא אנגעזאמלט פוינטס? אויסער אכטונג צו געבן צו דרייוון לויט'ן געזעץ - וואס איז גראדע א מצוה אין די תורה פון "ונשמרתם מאד לנפשותיכם" - קען ער אויך עפעס טון וועגן די אנגעזאמלטע פוינטס: עס איז דא א ספעציעלע "דרייווינג קורס". אין דעם קורס לערנט מען אויס פאר'ן דרייווער וויאזוי צו זיין מער פאראנטווארטליך אויפ'ן וועג, און מען ווייזט אן די גרויסע סכנה פון נישט פאלגן די טראפיק געזעצן. נעמען אזא קורס קען אראפנעמען ביז פיר אקטיווע פוינטס פונעם רעקארד.

דער אייבערשטער האט אויך אזא סארט "פוינט סיסטעם" פאר אונז (דאס זענען די מצוות), און ער איז אויך זייער ברייטהארציג מיט'ן טיילן פוינטס. נאר וואס דען? זיינע פוינטס זענען נישט קיין קנס פוינטס, נאר "פאזיטיווע" פוינטס; און אזעלכע פוינטס פארלירט מען קיינמאל נישט, יעדע גוטע זאך, יעדע מצוה'לע, און אפילו נאר א גוטע מחשבה אדער א גוטער ווילן - יעדע זאך איז א פוינט, דאס בלייבט שוין אויפ'ן רעקארד פאר אייביג, לעד ולנצח נצחים.

פּיצטל.

# געכאַפּט ביי די מעשה...

ג עדענקסט אים? מ'האָט דאָך נישט געקענט שטיין אין זיינע דלד... ס'האָט דאָך אַזוי נישט גוט געשמעקט...

יאָ, דער אַלטער דאָרטן, ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שוואַרצע גראָבע גאַרביטש בעג ער איז אַרומגעגאַנגען צאַמנעמען מיסט. וואו דער האָט נאָר געטראָפן אַ גוט שטיקל גאַרבידזש, האָט ער עס דאָס גוט איינגעפּאַקט אין זיין בעג! אוי האָט געשטינקן דאָרט, איך בין אַנטלאָפן אַ דיים אַ דאַזן פון אים... איך בין אַזאַנס געלאָפן... אָבער נישט וועגן דעם געררויך... נאָר וועגן גאָר עפּעס אַנדערש.

איז לייג צו קאָפּ, ווייל עס קומט אַ געדרייטע מעשה די וואָך.

געוועזן איז דאָס אין פּוילן, נאָך פאַר די ביטערע וועלט קריג. די פּוילישע אידן האָבן נעבעך דאָס מערסטע געליטן; די דייטשע רשעים זענען אַריין צום ערשט אין פּוילן און מיט אַ געוואַלדיגע רציחה זיך גענומען הרג'ענען רצחנ'ען, מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן וואָס די פּוילישע אידן האָבן זיך נעבעך צאַמגעליטן די זעקס יאָר פונעם קריג.

די מעשה וואָס מיר גייען היינט דערציילן האָט אָבער פּאַסירט נאָך פאַרן קריג, ווען די וועלט האָט אויסגעזען ווי זי גייט שטענדיג בלייבן אַזוי ווי זי איז. אידן האָבן שוין געוואוינט טויזענט יאָר אין פּוילן, און עס האָבן דאָרט געוואוינט איבער דריי מיליאָן אידן! אידן זענען געווען גאַנצע צען פּראָצענט פון די פּוילישע באַפעלקערונג! אַ גרויסע חלק פון זיי זענען געווען חסידישע הויפן, שטיבלעך, און אָנהענגער פון גרויסע חסידישע רבי'ס. ליידער זענען אָבער געווען צווישן זיי אויך אַ קליינע מספּר וואָס האָבן געהאַלטן אַז אויב אַ צווייטער טראַכט אַנדערש פון זיי, איז זיין בלוט שוין הפקר און ער איז שוין אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל.

פּילע ברסלב'ער חסידים האָבן געוואוינט אין פּוילן פאַרן קריג. אין יענע צייטן, ווען עס האָבן דאָרט געוואוינט גערער חסידים, אַלכסנדר, ביאַלע, קוצק, אַמשינוב, ראַדזימין, סוכטשוב, פּשיסחא, וואַרקאַ, מודז'יץ, ראַדומסק, און נאָך. יענע צייט איז געווען אַ שטאַרקע ירידה סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. עס איז נישט געווען וואָס צו עסן, און מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ממש פאַר אַ שטיקל ברויט.

פון די אַנדערע זייט האָט די השכלה, איניינעם מיט די אַנדערע פאַרשאָלטענע פּאַרטייען ווי ציוניזם, פאַרברענט און פאַרכאַפּט יעדן טאָג בחורים און מיידלעך; גאַנצע שטובער זענען ליידער אויסגעמעקט געוואָרן דורך די עירוב רב. אין יענער תקופה האָבן זיך פּילע בני הנעורים צוגעכאַפּט צום הייליגן רבי'ן, וואָס איז פאַר זיי געווען ווי פריש וואַסער. דעם רבינ'ס לימודים האָבן זיי געקענט דערמינטערן אין יענע שווערע צייטן, ווען עס איז געווען אַזוי שווער זיך צו האַלטן ביי אידישקייט אַן אַ צדיק און אַן דעם הייליגן רבי'ן.

אונזער מעשה האָט פּאַסירט אין יענער תקופה צווישן די צוויי וועלט מלחמות (תרע"ד האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה, און תרצ"ט האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה). עס איז געווען אַ בחור וואָס זיין משפחה האָט געהערט צו אַ חסידות אין פּוילן; וואוילע און איידעלע מענטשן זענען זיי געווען, אָבער זיי זענען נעבעך געווען פאַר'נער'ט מיט איין זאַך: אַז אויב איינער טראַכט אַנדערש פון דיר, איז יענער אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל.

זייער זון, אַ בחור'ל – מאָטל, איז צוגעצויגן געוואָרן צום הייליגן רבי'ן. אָבער נישט סתם "געזאָגטע זאַכן" איך בין אַ ברסלבע'ר, איך שפּיל געטאָר... ער האָט יעדן טאָג גערעדט צום אייבערשטן, ער האָט מקיים געווען די עצות פון הייליגן רבי'ן, און געלערנט מיט התמדה אויפ'ן סדר דרך הלימוד.

ביז עס איז אָנגעקומען דער טאָג. איין

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

## הרב אברהם משה שטראססער

טאג האט זיין טאטע אויסגעפינען אז דאס "ארגסטע" האט פאסירט מיט זיין טייערן מאטל... ער איז נעבעך "פארכאפט" געווארן אין ברסלב. (א זייטיגע נקודה: אין יענער צייט זענען קרוב צו א מיליאן פוילישע אידן ליידער געווען פארכאפט ערגעץ אנדערש). דער צובראכענער טאטע איז אריבערגעגאנגען צו זיין רבי'ן און זיך אויסגעגאסן זיין ביטערע הארץ, אז זיין זון איז נעבעך געכאפט געווארן ביי די ברסלב'ע.

דער רבי האט אים בארואיגט און געזאגט: "דו האסט אים דאך נישט געזען בפועל פראקטיצירן ברסלב... עס זענען נאר שמועות פורחות, דו האסט נאר געהערט. ווארט אויס און זע אויב עס איז טאקע וואר; אפשר זענען דאס נאר שמיסעלעך, אויב דו כאפסט אים טאקע ביי די מעשה, ברענג אים שוין אריבער צו מיר אין שטוב און איך וועל רעדן מיט אים."

לא ארכו הימים, און מאטל האט איין טאג געזען אז דאס הויז איז ליידיג; קיינער איז נישט אינדערהיים. דאס הארץ האט אים שטארק געדרוקט, ער האט אזוי שטארק געוואלט זיך אויסשרייען צום אייבערשטן: "טאטע, איך קען נישט מער! איך פיל נישט קיין טעם אין מיין לעבן! איך וויל זיין א איד, אבער עס גייט מיר נישט!" דאס הארץ האט אים ממש געפלאצט פאר ווייטאג.

יעצט האט ער געטראפן א גאלדענע געלעגנהייט. ער איז אריין אין איינע פון די צימערן, זיך געווארפן צו דער ערד, און אנגעהויבן וויינען: "טאטע! טאטע! וואס וועט זיין מיט מיר? וואו בין איך נעבעך אהינגעקומען? איך טראכט נישט פון דיר! מיין נשמה וויינט! איך האב נישט קיין מנוחה!" אזוי ליגט מאטל אויף דער ערד און וויינט און וויינט...

פלוצלינג!! די טיר גיט זיך א עפען אויף מיט א רעש!!... מאטל פרובירט זיך שנעל אויפהייבן, שנעל אפוואשן דאס פנים, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט... מ'האט אים "געכאפט" ביי די מעשה"... פארפאלן, דער טאטע האט אריינגעשטורעמט מיט א געוואלד און מיט א געוויין: "מאטל, וואס איז געשען מיט דיר? ביסט געווארן א ברסלבע'ר? אוי וויי!!" דער טאטע, מיט פיל צער, כאפט אן מאטלען ביי זיינע צווי לאנגע פיאות... און שלעפט אים אזוי אויפן גאס ביז צום רבינ'ס שטוב.

> פלוצלינג!! די טיר גיט זיך א עפען אויף מיט א רעש!!... מאטל פרובירט זיך שנעל אויפהייבן, שנעל אפוואשן דאס פנים, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט... מ'האט אים "געכאפט" ביי די מעשה"... פארפאלן.

אנקומענדיג צום רבי'ן, ברעכט זיך דער טאטע אריין אינעם צימער מיט געוויין: "רבי, איך האב אים געכאפט רויטהאנטיג! איך האב אים געכאפט ביי די מעשה!" דער רבי הייסט אים זיך בארואיגן און פרעגט דעם טאטן וואס עס האט פאסירט און וויאזוי דאס איז געשען. דער טאטע לייגט אראפ פארן רבין די גאנצע געשיכטע.

ווי אזוי ער האט זיך אויסבאהאלטן, און אים געכאפט - נישט מער און נישט ווייניגער - מאכן התבודדות!! ווי געוואלד!!

דער רבי פרובירט זיין מזל, ער גיט אזא שמייכל צו מאטלען: "זאג נאר מאטל, וואס איז די מעשה מיט דיר? דו מאכסט התבודדות? וואס איז דאס התבודדות? וויאזוי ארבעט התבודדות? וואס טוסטו ביי התבודדות?"

מאטל ענטפערט מיט'ן פולסטן דרך ארץ: "איך האב סך הכל זיך אויסגעשויעסט מיין הארץ מיטן אייבערשטן אז איך וויל זיין א ערליכער איד." פרעגט אים דער רבי: "און דער אייבערשטער האט דיר געענטפערט?"

דא האט מאטל זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, ער האט געוואלט געבן א הילכיגן פראסק פאר אים אין פנים, אבער ער האט מורא געהאט אז ער וועט נישט מוצא שנתו זיין... מ'וועט אים נאך מאכן פאר א קדוש דא אויפ'ן פלאץ... האט ער געפרעגט איידעלערהייט: "און ווען דער רבי בעט ביי שמונה עשרה 'השיבנו אבינו לתורתך', 'סלח לנו אבינו כי חטאנו', 'חננו חכמה בינה ודעת', ענטפערט דער אייבערשטער פאר'ן רבי'ן?!?"

שוין, דער רבי האט געזען אז עס איז

# פינטל.

נישטא מיט וועמען צו גיין צום טיש. ער זאגט פאר'ן טאטן: "נישטא וואס צו מאכן, 'כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים'. פארפאלן, דו קענסט שוין זיצן שבעה נאך אים; ער איז נעבעך פארכאפט דארט, און פון דארט קען מען שוין ליידער נישט צוריקקומען..."

דאס איז די דראמאטישע מעשה פון ר' מאטל יגלניק. ר' מאטל האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און ווען מוהרא"ש זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל, האט אים ר' מאטל דערציילט דעם סיפור.

אבער וואו שטינקט עס? וואס שטינקט? וואו קומט דא אריין די 'גארבידזש בעג'?

אה, יא! ביסטאך גערעכט. איך געדענק דעם ארומגיין אין די גאַסן פון רעכל צו מעכל, פריער האב איך געזאגט אַז עס האָט געשטינקען און אַז ער האָט געהאַט אַ גאַרבידזש בעג, אָבער איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך האב נישט באמת געזען קיין גאַרבידזש בעג און עס האָט נישט געשטינקען. נאָר וואָס דען? איך געדענק ווי דער איד איז ארומגעגאַנגען און צונויפגעקליבן שמוץ. אוי, האָט ער אויפגעלעבט ווען ער האָט געהערט א לשון הרע אויף איינעם! ווי נאָר ער האָט געטראפן א שטיקל שמוץ אויף א צווייטן, האָט ער דאָס גלייך איינגעפּאַקט. נאָך א מעשה, נאָך א גאַרבידזש - אַזוי איז ער ארומגעגאַנגען, געטראָגן און געברענגט פאַרשימלטע סחורה. איך האב געוויסט וואָס ער שמועסט, האב איך עס אָנגעקוקט ווי ער שלעפּט א שווערע גאַרבידזש בעג מיט אַלע לשון הרע'ס און אַלע מעשיות אויף מענטשן וואס מען האָט זיי געכאַפּט מיט דעם און מיט יענץ, און דאָס איז ער ווייטער געגאַנגען פאַרקויפן.

איך בין געשטאנען ווייט פון אים; איך האב נישט געוואלט הערן, נישט זען, און נישט רעדן שלעכט אויף קיינעם. איך האב ענדערש געטראכט: לאמיר ארומגיין מיט א זעקל און צונויפנעמען שיינע זאכן, גוטע זאכן, און הערליכע זאכן אויף אידישע קינדער.

און אזוי האב איך טאקע געטון. איך האב געכאפט א איד לייגן תפילין; איך האב געהערט ווי איינער רעדט שיין צו זיין טאטע, צו זיין מאמע, אוי האב איך מיך מחיה געווען! איך האב עס גענומען, איינגעפאקט, און דערנאך ווייטער געטראגן: "אה! דו ווייסט? איך האב געכאפט דיין זון מיט א משניות נעכטן! איך האב אים געכאפט מיט א גמרא! איך האב אים געכאפט געבן א קוש די מזוזה!"

אזוי בין איך ארומגעגאנגען מיט א גאלדענעם זעקל, געזוכט און גענישטערט – אולי, אפשר, טאמער, אויב דאך קען איך טרעפן נאך א גוטס אויף א אידיש קינד. אהההה! א מחיה! אידישע קינדער זענען דאך אזוי וואויל, אזוי זיס, אזוי גוט, אזוי הערליך, און אזוי ערליך!

מ'האט אים געכאפט ביי די מעשה, יא יא! וואסערע מעשה זעסטו? א גוטע מעשה! פארוואס ווען דו קומסט אריין אין שול זעסטו נאר: "אה, ער האט ארויסגעקוקט ביי שמונה עשרה", "ער האט נישט געדאווענט, "ער לערנט נישט", ער איז א דאס און ער איז א יענץ, ער איז א לץ, ער איז א חסיד שנפל, ער האט נישט קיין אמונת חכמים... פארוואס ארומגיין מיט א גארבידזש בעג און קאלעקטן שמוץ אויף אידן? קריך ארויס פון שמוץ! אדרבה ואדרבה, מאך אזוי ווי מאטל'ס טאטע האט געטון... אזוי ווי דער פוילישער רבי האט געטון... ער האט געכאפט דעם מאטל ביי התבודדות.

איך וויל הערן פון דיר: "נעכטן האב איך געטראפן דעם און דער, ער איז דאך אזוי וואויל! ער האט דאך א הארץ פון פוטער! דו ווייסט, איך בין געווען שבת אין שול און איך בין אזוי נתפעל געווארן פון פלוני'ס דאווענען, פון אלמוני'ס ארייננקוקן אין סידור, פון גרונם'ס רעדן צו זיין טאטע, פון זרח'ס אכטונג געבן אויף זיינע געשוויסטער."

טו אזוי ווי דער פוילישער רבי... זוכסט איינעם צו כאפן? כאפ יענעם ביי די סארט עבירות... מ'האט אים געכאפט מאכן התבודדות!

**גוט שבת, גוט שבת!**

*פוילן! לאמיר זיך נישט פוילן און טראכטן פון פוילן, מ'קען דארט אסאך פועל'ן, עס ליגן דארט גרויסע צדיקים, "אֵין פוילין" שטייט אין מסכת שבת, וואס מיינט עס... מען זאל נישט זיכן קיין חסרונות ביי יענעם עיי"ש.*

*פוילן! אידן זענען געקומען קיין פוילן פאר טויזענט יאר בערך, האבן זיי געזאגט פה-לין - דא וועלן מיר נעכטיגן... א נעכטיגער טאג...*

*פוילן! מען האט זייער געהינגערט אין פוילין, איז א פוילישע איד איינגעפאלן, מען וועט מאכן שבת אינמיטן די וואך, פארוואס זאל מען הונגערן זיבן טאג א וואך? זאל מען נאר הונגערן דריי טאג א וואך...*

# שבוח
# פארן
# נעמען א

# זכות נצחי

## אין מיין גאנצע קלאס!

## זכותים

| מנהל'ס אפיס | קלאס ד' | קלאס ג' | קלאס ב' | קלאס א' |
|---|---|---|---|---|
| | | נמכר | נמכר | נמכר |

צו נעמען א זכות אינעם בנין קען מען זיך ווענדן
צו די געטרייע גבאים פון 'קרן הבנין'

מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו
347.997.2348

מו"ה שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688




*sruliHeskel

# א ווארט צוויי

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

בילד פון די וואך:

## ווי ביים טאטן אין לעמאנעיד

הילד יוסף מרדכי פעלדמאן נ"י פראוועט געהויבענעם סיום הש"ס ביי זיין טאטע אין געשעפט, ווען אין איינוועגס טוט זיי דער מלמד באלוינען פארן זיך אויסצייכענען אין די לימודים פארגאנגענע צוויי וואכן



פריערדיגע

**""אז מען לערנט א דף גמרא מיט רש"י, איז עס מסוגל פאר הצלחה. איך האב געזען אסאך מענטשן וואס זיי זענען אין זייערע יונגע יארן געלעגן טיף אין שאול תחתית רחמנא לצלן, און זיי האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא, דורכדעם זענען זיי ארויסגעגאנגען פון זייער פלאנטער, זיי האבן זיך געקענט שטארקן אויף זייערע ביטערע נסיונות וכו' און זיי זענען געווארן גרויסע תלמידי חכמים."**

- מוהרא"ש זי"ע, וואס האט עס דערציילט בשם הרב הקדוש ר' יהושע'לע בעלזער זי"ע, וואס האט עס נאכגעזאגט פון זיין גרויסן טאט'ן דער הייליגער שר שלום זי"ע

גוטזאגער

## "אלעס איינאיינעם איז נישטא ביי קיינעם. אויסער ביים איינעם, ביי מיר."

- מרגלא בפומיה פון מיין טאטע שליט"א

זאצן וואס
פארדינען
שטרעכלער

• בערל שניצלער

## ארויס פון די באקס

"איך בין נישט קיין שרייבער ממילא קען איך נישט שרייבן קלאר, אבער פון די שורות פון פלאץ צווישן די ווערטער קען מען אסאך מאל ארויסהאבן די נושא מער ווי א גוטע שרייבער.

ווי באקאנט האבן אסאך משפחות מיט אסאך קינדער א גרויסע קאלעקציע פון סטעמפס, וואס מען האנדלט מיט. יעצט ווען עס קומען אן די באקסעס עסן, דארפן אסאך משפחות וויניגער האנדלן דערמיט, אזוויי מען דארף נישט האבן אזויפיל געלט צום בודשעט וואס דעקט די עסן.

אזוויי איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון מיט מיין קאלעקציע האב איך מיך געווענדן צו ש. בן ר. דער גבאי צדקה פונעם בית התבשיל, אלס גבאי פארשטייט ער צו עסן און אלס היסטאריקער אויך צו סטעמפ קאלעקציעס. ער האט גענומען פון מיין איבעריגע סטעמפ קאלעקציע און דאס גענוצט צו העלפן אידן וואס באקומען נישט די באקסעס אז זיי זאלן האבן קאלעקציעס. אויך זאגט ער אז אסאך אירע ווענדן זיך צו אים די לעצטע שטיק צייט ספעציפיש וועגן זייער אלטע קאלעקציעס וואס זאמלן זיך אן און זיצן סתם ארום אן קיין שום סיבה.

אזוויי ער וויל נישט און קען נישט שרייבן אפן אז ער פארשטייט צו סטעמפס, וויבאלד אפיציעל טוט ער נישט דערין. איך אבער אלס ציווילע בירגער קען מעלדן אז ער פארשטייט פונקטליך וואס צו טון דערין און מען זאל זיך נישט צוריקהאלטן פון אים רופן פאר מער אינפארמאציע וואס צו טון מיט די קאלעקציעס."

בריוול געטראפן הענגען אין בית המדרש האשקי דורך הרוצה בעילום שמו ביים מעלדן דעם ציבור ברמיזה גמור וויאזוי צו העלפן ברודער מיט עסנווארג אין ליכט פון די באקסעס עפאכע

## תפלה איז נישט גרינג

עס איז נישט שווער זיך איינצורעדן צו א חבר, עס איז זייער גרינג צו רעדן מיט א נאנטער מענטש, משפחה, אפילו ווען מען רעדט צו א דאקטער, אן עסקן, וכדו', דאס קומט אן גרינג. אבער סתם זיצן ביי זיך אין שטוב און בעטן: "הייליגער באשעפער, העלף מיר..." איז זייער שווער.

"בין כותלי הישיבה" קעסטל אין גליון "בחורל" פרשת שלח תשפ"ו.

**"אבער דער אייבערשטער הערט אויס יעדן איינעם. נאר וואס דען? מען דארף האבן אסאך סבלנות."**

*דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:*

## תיקון העולם

**"ווילאנג מען לעבט קען מען תשובה טון, אײנמאל מען גייט אוועק פון די וועלט הייבט מען אן אפירנעמען אלע קעמרעס, אבער נישט מיט די בילדער וואס דו כאפסט, דו כאפסט נאר א פיקטשער פון וואס דו ווילסט, יענע קעמרע כאפט אויך ווען מען וויל נישט, און ס'הייבט אן ווערן זייער ביטער... קומט א רבי, וואס זאגט 'קום צו מיר אויף ראש השנה און איך וועל דיר מתקן זיין!' נו, פון וועם זאל איך יעצט מורא האבן פון פארן קיין אומאן? פון אחימן ששי און תלמי?"..."**

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שיעור ליל שישי שלח תשפ"ו

# קוק אהער

## שיטה אדער שוטה?

שוין געענדיגט מלווה מלכה, די קינדער שלאפן שוין, און די שיעורים האב איך שוין מסדר געווען אין דעם לאאאאנגן שבת נאכמיטאג. דער זייגער ווייזט מיר שוין א פערטל צו צוועלף, און ווען וועלט איז וועלט פלי איך יעצט אריין אין בעט און איך הייב אן די וואך אויפן רעכטן פוס.

יא, זונטאג איז טאקע נישט דא קיין כולל בוקר אזוי אין פולן שוואנג, אבער בשעת'ן טראכטן צו זיך וועגן די ריכטיגע אפציע פאר אזא צייט, אזוי חלומ'ענדיג אין קאך, גיט זיך מיין טעלעפאן א צודריזל און שלעפט מיר ארויס פון מיינע חלומות. ווער מעסעדזשט מיך יעצט אין אזא צייט?

איך עפן דעם טעלעפאן: ר' יעקב משה אינדארסקי, זאל זיין געזונט, וויל מיך בלויז לאזן וויסן אז די ותיקין מנין מארגן וועט פארקומען... אזייגער. נא, זעסטו? ממש מן השמים! פאק דיך אריין אין בעט און לייג דיך ארויף אויף די ריכטיגע רעלסן.

אבער דער ביינאכט יצר הרע איז דאך א געפערלעכער יונגאטש, און ער הייבט מיר אן צו גראבלען אין קאפ אז אפשר, נאר אפשר, בין איך נאך יא אביסל הונגעריג. און גיין שלאפן אויף א הונגעריגן מאגן – אפילו נאר פאר א ספק – האט מען זיך דאך ביי אונז נישט געפירט...

בשעת'ן טראכטן אהין און אהער און גוט שוקל זיין אלע צדדים, גיט זיך מיין האנט א שלייך צו צום פרידזשידער, און אזוי נישט מיר נישט דיר, כאפ איך נאר א בליק אריין; לאמיר נאר זען וואס דא טוט זיך...

דריי-פערטל ליידיגע דיפ קאנטעינערס, א האלב שטיקל געפילטע פיש וואס קוקט מיר אזוי אן אולי ירחם און די ארבעס וואס מ'האט צוריקגעלייגט אין און פריזש און גייט דא אפזיצן באקוועם אויפן טיר פונעם פרידזשידער ביז קומענדיגן דאנערשטאג - ווען די שאלה גייט געפרעגט ווערן: וואס האט מען געטראכט פרייטאג צונאכטס נאך די זופ ווען מען האט עס צוריקגעלייגט?

און אזוי פארן מיינע אויגן ווייטער ארום אינעם פריזש זוכנדיג עפעס א טעימה קלה זיך פשוט צו דערכאפן דאס הערצעלע פאר מלוה מלכה.

די האלב-ליידיגע פיקלס ווינקען מיר: "איך בין גוט, איך בין קראנטשי, דו האסט נאך קיינמאל נישט חרטה געהאט ווען דו האסט מיר געקליבן..." עפעס זאגט ער מיר, אבער הארט פארן נעמען דעם קאנטעינער פיקלס, זע איך אין די זייט זיצן איידעלערהייט א זעקל פיטשעס!

דאס קומט יעצט פיין אריין!

איך שטיי ביים סינק און אויפן ספק וואש איך אפ אכט פיינע, פרישע, הארטע גוטע פיטשעס. איך מאך א העץ און איך טראכט צו זיך: א פיטש איז דאך א גוטע קינוח סעודה, א פיינעם דעזערט, וואס קען שוין זיין?

למעשה, האלב נאך צוויי אויפדערנאכט האב איך אריינגעווארפן אכט פיטש-קערעלעך אין גארבידזש. אריין יא, יעצט בין איך שוין זאט לכל הדעות. יאלא, מ'גייט ליינען און ערליכע

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



קריאת שמע, מ'גייט אנגרייטן נעגל-וואסער און אריין אין בעט.

איין חוצפה פון די פיטש אינדוסטריע איז, אז זיי לייגן נישט ארויף קיין ווארענונג-צעטל אויף די גוטע פרוכט, אז אויב מען עסט צופיל דערפון איז עס שטארק מסוגל פאר בויך-ווייי...

און איך קען זאגן אז איך האב אויספרובירט די סגולה ונושעתי; א גאנצע נאכט האט זיך מיר די בויך געדרייט...

אזוי שמועסנדיג מיט מיין ווייב איבער די "מיטלנאכט פיטש-פארטי" מיט די נאכווייען, פרעגט זי מיר: "וועלכע פיטשעס? איך האב בכלל נישט געקויפט קיין פיטשעס!"

אההה, פון די באקסעס!!!

אההה, די באקסעס... מיר שמייכלעןביידע צוזאמען. אזא פיינע מתנה פונעם באשעפער; יעדע וואך קומט א פרישע סופרייז אין די באקסעס, מען ווארט שוין קוים דערויף.

איך זיץ דינסטאג נאכט ביי סאפער מיט מיין ווייב, ווען מיין קליינער קומט אריינצושמייסן מיטן פולן אייפער: "די לעמאנעיד ווען איז שוין ביים קארנער די באקסעס קומען שוין!"

איך דארף שוין נישט קיין סאפער, און מיינע קינדער דארפן שוין נישט זייערע בייקס אדער סקוטערס; אלע זענען איינגעשפאנט און ווארטן שוין קוים צו זען וואס פאר א אוצרות מיר האבן די וואך באקומען.

אלעס איז שוין אויסגעפאקט, איך פלי צו מנחה-מעריב, און וואס רעדט מען נאך מעריב? יא, איך האט צוגעטראפן: באקסעס!

דער פארציילט אז ער באקומט עס נאכנישט, ווייל ער האט יעצט אריבערגעפירט זיין אקאונט פון א צווייטע קאמפאני נאכן זיך ראנגלען מיט זיי עטליכע וואכן זיי זאלן אים באפרייען, אבער אויף קומענדיגע וואך האפט ער שוין צו באקומען פון "לעמאנעיד".

א צווייטער זאגט אז ער האט אזוי פיל קינדער, קעניינעהארע, אז די גראסערי לויפט שוין אויס פון זאכן אים צו קענען שיקן...

בשעת א דריטער טענה'ט אז ער וואלט טאקע געקענט באקומען די באקסעס, אבער ער נעמט עס נישט בשיטה, ער וויל נישט זיך צוגעוואוינען צו לעבן אין א ברייטערע סטאנדארט (עיין עצתו אמונה פרשת שלח תשפ"ו)!

אקעי, זאל יעדער טון וויאזוי ער פארשטייט...

***

מיטוואך אינדערפרי שטייט אויף א אינגערמאן גאר פרי, ער גייט אין מקוה, ער גייט דאווענען, און יאגט זיך אריין צום טאג. ער פארט קודם קיין מאנסי און האט א העפטיגן פלאן צו קאווערן עטליכע שטעט היינט.

אין זיין קאר ליגט גליונות, קונטרסים, ספרים, סידים און יו-עס-בים וואס שרייען אלע אינאיינעם: "דו קענסט האבן א גוט לעבן, דו קענסט האבן א 'יאמי' לעבן! דער אייבערשטער האט דיך ליב, דער אייבערשטער דארף דיך דערהאלט דיך אין דיינע שוועריקייטן." דאס גייט ער אויסטיילן פאר דורשטיגע אידן; פאר א מענטש וואס זוכט א וועג אין חינוך הבנים, א וועג צו שלום בית, אדער א וועג צו קענען רעדן מיט מענטשן און זיין נארמאל.

איינער דארף בלויז א דערמאנונג אז דער אייבערשטער האט פון דיר נישט פארגעסן, דער אייבערשטער האט דיך יא ליב, און ער ווארט דו זאלסט זיך אומקערן צו אים.

אזוי גייט דער מפיץ און טיילט באקסעס – רוחניות'דיגע באקסעס, באקסעס פאר די נשמה – חומר פאר א מענטש צו קענען אטעמען און קענען נעמען נאך א שריט אין לעבן.

> הער אויס מיין פריינט, איך האב גארנישט קעגן אייך, פארקערט, איך סופּארט אייער מאוומענט און אייער ראש ישיבה, זייער שיינע זאכן ביי אייך, אבער בשיטה נעם איך נישט די זאכן.

אזוי דרייט ער זיך פון שול צו שול, פון גאס צו גאס, און טיילט אויס זיין גוטע סחורה. ס'ווערט שוין פארנאכטס; ער האט שוין געקאווערט דריי שטעט היינט, און ער פארט יעצט אריין אין דער פערטער שטאט פארן טאג. מיט א הויפן – אזויפיל ווי זיינע הענט קענען נאר פארנעמען – לויפט ער אריין צום גרעסטן מנינים-סענטער און הייבט אן צו פארשפרייטן גוטע זאכן: עצות פארן לעבן, א וועג וויאזוי פשוט צו קענען פונקציאנירן, אמונה, אמונה, און נאכאמאל אמונה. מיט דארשט נעמט איינער, נאך איינער, און אויך א דריטער; אלע לאדענען זיך אן מיט די פיינע מטעמים פאר די נשמה.

דער מפיץ וויל געבן פאר א פערטן איד, וואס ווייסט נאכנישט פונקטליך וואס ער זוכט אויפן כדור העולם א וועג צו לערנען: "דא האט איר א שיינעם קונטרס, ס'וועט אייך לעכטיג מאכן דאס לעבן." אבער יענער, נאכן כאפן א גאר טיפן צי פונעם עלעקטראנישן ציגארעטל און ארויסלאזן א וואלקן פון 'טשערי פלעיוואר' פארע, אזוי גרויס ווי דער היכל בית המדרש, זאגט ער פארן מפיץ: "הער אויס מיין פריינט, איך האב גארנישט קעגן אייך, פארקערט, איך סופּארט אייער מאוומענט און אייער ראש ישיבה, זייער שיינע זאכן ביי אייך, אבער בשיטה נעם איך נישט די זאכן."

בשיטה?? איך גיי נישט טענה'ן מיט דיר... אבער בשיטה? באמת? נעבעך פאר אזא שיטה.

שכח אייבערשטער אז בשיטה האבן מיר נישט קיין שיטות, און בשיטה גייען מיר נאך די וועגן פון צדיקים, און בשיטה ווילן מיר זיין ערליכע אידן, און בשיטה בענקען מיר צום אייבערשטן.

שכח אייבערשטער פארן אונז געבן דעם וועג; מיר האבן א צדיק, מיר האבן א וועג פאר אונז פארלוירענע מענטשן, בשיטה צו קענען ווערן גרויסע צדיקים און זיין דבוק צום אייבערשטן, אהההההה!!!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# א בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:



מוהרא"ש באזוכט אין ישיבה דינסטאג נח, כ"ז תשרי, תשע"א געציילטע וואכן בעפארן פארענדיגן דעם בנין.

# איז קאנטרי א גוטע זאך?

**בעזהשי"ת – יום ד' פרשת שלח, כ"ג סיון, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

איך פריי מיך זייער אז דו קומסט צו אונז אין קאנטרי, וואו מיר וועלן אי"ה זיין צוזאמען צען וואכן, זיך מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, וואס מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט.

מענטשן פרעגן צי פארן אין קאנטרי אז א גוטע זאך צי נישט, עס קומען פאר דעבאטעס אויף דעם צי מ'זאל יא פארן אין קאנטרי צו מ'זאל נישט פארן; עס איז זיכער כדי פאר עלטערן וואס האבן קליינע קינדער צו פארן אין קאנטרי, עס איז געזונט סיי פאר די קינדער און סיי פאר די עלטערן, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, די קינדער קענען אביסל לויפן און טאנצן אויף די פרייע לופט, און ווער עס איז שוין געווען אין קאנטרי ווייסט אז די קינדער חלומ'ען א גאנץ יאר פון קאנטרי; הלוואי ווען מ'וואלט שוין געקענט ארויספארן גלייך נאך פסח אין קאנטרי, אנטלויפן פון די שטאט, וואס די גוים פירן זיך אויף ממש ווי די חיות היער וכו', און גייען אויסגעטוהן וכו', און עס איז זייער צו האבן שמירת עיניים.



א אינגערמאן האט מיר דערציילט, אז ער איז געגאנגען פרעגן מוהרא"ש צי ער זאל פארן אין קאנטרי צי נישט, ער האט געזאגט פאר מוהרא"ש אז עס קאסט אים זייער אסאך געלט, שווערע טויזענטער דאלער, און ער האט נישט קיין געלט, קוים וואס ער קען דורכשטופן דעם טאג, איז ער געקומען פרעגן מוהרא"ש וואס ער זאל טוהן? אנשטאט מוהרא"ש זאל אים זאגן ער זאל בלייבן אין שטאט, און עס פעלט נישט אויס, עס איז איבעריג, מותרות, נארישקייטן, האט אים מוהרא"ש געזאגט מיט דעם לשון: "א אינגערמאן וואס האט קינדער מוז פארן אין קאנטרי, און גיי בארג געלט, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט האבן פרנסה בשפע".

אינגעלייט קומען מיר פרעגן זייערע שאלות; איך ווייס גארנישט, איך קען נאר ענטפערן וואס איך האב געהערט פון מוהרא"ש און וואס דער רבי' זאגט; א אינגערמאן לייגט זיך אוועק אפאר טויזנט דאלער, פארוואס זאל ער דאס נישט נוצן פאר די געזונט פון זיין

**עצתו אמונה שלח תשע"ו**

ווייב, פאר די געזונט פון זיינע קינדער און פאר זיין געזונט?! בפרט אז מיר האבן א פלאץ וואו מיר קענען זיך האלטן צוזאמען, לעבן מיטן רבי'ן, לעבן מיט מוהרא"ש; דערפאר פריי איך מיך זייער אז דו האסט ארויסגענומען א באנגעלאוי ביי אונז אין קעמפ, וואו מיר וועלן זיך קענען מחזק זיין אינאיינעם.

וויסן זאלסטו אז אהערשטעלן א קעמפ איז נישט א גרינגע זאך, בפרט אז מ'האנדלט מיט א רבים, און יעדער וויל נאר דאס וכו', און יענץ וכו', עס איז דא מענטשן וואס זיי מיינען אז די גאנצע וועלט קומט זיך זיי, און וואס מען טוט זיי האבן זיי נאר טענות, און וואו זיי קענען איינעם אריין שטעכן כאפט יענער א שטאך וכו', זיי זענען די גרעסטע רחמנות, ווייל קיינער וויל נישט האבן צו טון מיט זיי ווייל זיי זענען אייביג גערעכט, וואס עס זאל נאר זיין, און זיי זענען טאקע גערעכט. אז א מענטש איז שלעכט עסט ער זיך אויף לעבעדיג אויף יעדע קלייניקייט.

חז"ל זאגן (ברכות נח.) **אורח טוב מהו אומר: "כמה טרחות טרח בעל הבית בשבילי? כמה בשר הביא לפני? כמה יין הביא לפני? כמה גלוסקאות הביא לפני? וכל מה שטרח לא טרח אלא בשבילי**, א וואוילער גאסט זאגט: "דער בעל הבית איז זייער א גוטע מענטש, ער האט זיך אזוי אנגעשטרענגט פאר מיר, ער האט געקאכט פלייש פאר מיר, געברענגט וויין פאר מיר, געבאקען חלות פאר מיר, אלעס נאר פאר מיר, **אבל אורח רע מהו אומר: "מה טורח טרח בעל הבית זה? פת אחת אכלתי, חתיכה אחת אכלתי, כוס אחד שתיתי, כל טורח שטרח בעל הבית זה לא טרח אלא בשביל אשתו ובניו**, א שלעכטע מענטש זאגט: וואס האט ער שוין געטון פאר מיר? איין בילקע האב איך געגעסן! איין פארציע פלייש, איין גלעזל וויין, אלעס האט ער געטון פאר זיין ווייב און קינדער. דו כאפסט נישט אז אהער שטעלן א קעמפ איז א שווערע זאך, און מען דארף מכיר טוב זיין און זאגן א ישר כח פאר דער וואס שטעלט עס אהער, פארן זיך אוועק געבן פאר דיר. איך האף אז דו האסט זיך באדאנקט פאר האברך ..., און אז דו וועסט זיך צו געוואוינען צו דאנקן יעדעם איינעם וועסטו האבן א חיים טובים, יעדער וועט דיך ליב האבן.

ווען דו גייסט צו דיינע עלטערן אדער צו דיין ווייב'ס עלטערן זאלסטו זיך יעדע מאל באדאנקן פאר דיין לעבן, מען קען הערן ווי יונגעלייט רעדן מיט א מורא'דיגע פרעכקייט קעגן זייער שווער און שוויגער, די זענען פארדארבענע יונגען, זיי כאפן נישט אז נאך אביסל וועט ער האבן אן איידעם וואס וועט רעדן צו אים פונקט ווי ער רעדט צו זיין שווער און שוויגער.

איך בעט דיר זייער, ווען דו קומסט אין קאנטרי צו אונז, זאלסטו קומען מיט א גוטע באנעמונג (עטיטוד), און אויב עס פעלט דיר עפעס אין דיין באנגעלאוי, זאלסטו נישט שרייען אדער בארעדן דעם חשוב'ן אינגערמאן.... ער העלפט מיר מיט מסירות נפש ממש, און נישט נאר ער מאכט נישט קיין געלט, נאר די לעצטע פינף יאר, האט ער אריינגעלייגט שווערע טויזנטער דאלער אז די בחורים און אינגעלייט זאלן האבן א פלאץ צו קענען זיך אינאיינעם מחזק זיין מיט די הייליגע רבי'נס עצות.

א גאנץ יאר בעט איך דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן א שיינע זומער, מיט יראת שמים און מיט שלום, איך וויין יעדן טאג צום אייבערשטן אז מען זאל זיך פארטראגן און זיך נישט קריגן, דער רבי' זאגט (ספר המידות אות מריבה סימן ס"ו) **במקום מריבה שם השטן** א פלאץ וואו מען קריגט זיך, דארט איז דער שטן. פון אזא פלאץ דארף מען אנטלויפן; עס גייט מיר אין לעבן אויפצושטעלן א קהילה אזוי ווי מוהרא"ש ז"ל האט אונז אויסגעלערנט, און איך שפיי בלוט יעדן טאג אז די מוסדות זאלן אנגיין כדי מיר זאלן האבן א פלאץ פאר אונזערע קינדער, און אויב דו וועסט נאר זוכן ווי מען קען לעבן בשלום און ווי מען קען נאר זען די גוטס פון יעדן איינעם, וואלט מיר גרינגער געווען.

רבי' נתן האט געזאגט: "ווען איך זע צוויי 'טרעגערס' קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"; דאס איז געווען רבי נתן, עס האט אים וויי געטון אז צוויי אידן קריגן זיך, אפילו ער קען זיי נישט, און אפילו זיי זענען פשוט'ע מענטשן - 'טרעגערס', כל שכן אז מיר קומען דא נאר פאר איין סיבה, ווייל מיר ווילן לעבן א גוט לעבן, דארפן מיר נאר זוכן די גוטס פון יעדן איינעם.

בלייב מיר געזונט און שטארק, זאלסט האבן א פרייליכע, ערליכע און געזונטע זומער, מיר וועלן זיך אי"ה זען אין קעמפ.



# פְּשָׁרָהלָאז

א י ן

***קורצן פון פרייער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*פייערט פאר קדושת שבת. שטעלט אויף גרויסע תלמידים.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

אין זיינע זכרונות דערציילט רבי ברוך קאפלאן ז"ל: אונזער משפחה איז געקומען קיין אמעריקע נאך איידער איך האב בר מצוה געהאט. מיין טאטע האט מיך איינגעשריבן אין ישיבת "תפארת ירושלים". אזוי ווי איך בין נאך געווען צוועלף יאר אלט, האבן מיר, א גרופע קינדער, יעדן אוונט געלערנט הלכות תפילין מיטון מנהל.

איין טאג האב איך באמערקט אז א איד (רבי יעקב יוסף) גיט א טעגליכע שיעור אין עין יעקב פארנאכטס. דער שיעור האט געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט און איך האב זיך געזעצט אויסהערן. עס האט מיך זייער געכאפט, און איך האב זיך אנגעשלאסן אינעם שיעור און אויסגעהערט יעדן אוונט.

רבי

יעקב יוסף איז געווען זייער נאנט מיט זיינע תלמידים, און ער האט זיי געצויגן צו זיך ווי א מאגנעט. ער פלעגט אין אונז אריינגעבן אזויפיל ווארעמקייט, חביבות המצוות און התלהבות צו תורה.

דאס וואס האט מיר בעיקר געכאפט איז געווען וויאזוי ער האט אלעס אויסגעפירט למעשה; ער איז געווען אן איש קדוש. נאך א יאר לערנען ביי אים, האט מיר רבי יעקב יוסף מייעץ געווען איך זאל גיין לערנען אין די ניו העיוון ישיבה. א רבי וויל געווענליך האלטן זיינע תלמידים נאנט צו זיך, אבער רבי יעקב יוסף האט נישט געהאט קיין שום חשבונות, נאר איין איינציגע אינטערעס: אז מיר זאלן אויסשטייגן ערליכע אידן און וואקסן אין תורה ויראת שמים.

נאך אנדערטהאלבן יאר וואס איך האב ב"ה פיל געשטיגן, האט מיר רבי יעקב יוסף געעצה'ט צו פארן קיין חברון. ער האט געזען פאר מיר א תכלית דארט, און ער האט אפילו אויסגעצאלט די הוצאות כדי איך זאל קענען פארן.

נאך די פאגראמען אין תרפ"ט האב איך זיך אומגעקערט קיין אמעריקא, צו די

פרייד

פון מיינע עלטערן און פון מיין רבי, רבי יעקב יוסף.

איך האב דאן געוואוסט אז מיין תכלית איז נישט אין אמעריקא, וואס איז דאן געווען אן "עם ריקא"... און איך דארף גיין קיין מיר. עס איז מיר אבער אנגעקומען זייער שווער איבערצולאזן אלעס פריש און פארן מעבר לים, און איך האב זיך געוויזיטיגט אין דברי חיזוק.

אין רבינ'ס הויז פלעגט פארקומען א מנין מנחה יעדן שבת נאכמיטאג. ער האט פארמאגט א ספר תורה און ער האט געוואלט מען זאל ליינען דערין כאטש איינמאל א וואך.

נאכ'ן דאווענען האט ער מיר פארגעזאגט דעם פסוק: "כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה אשר ה' אלוקיך נתן לך" (דברים י"ב, ט').

"זעסטו ברוך," האט ער מיר געזאגט, "די ווערטער זענען א רמז אז דו זאלסט גיין קיין מיר, וואו דו וועסט האבן א שטארקע תכלית."

א דאנק מיין רבי'ן בין איך געפארן קיין מיר און צו נאך ישיבות אין אייראפע, וואו איך בין ב"ה גאר שטארק געשטיגן אין תורה.




מיין רבי האט אלעמאל געלעבט מיט די ווערטער: "וואס ערווארט מיין בעל הבית פון מיר?" מיין רבי איז קיינמאל נישט געווען זאט מיט דעם וואס ער האט שוין געטון; ער האט אלעמאל געזוכט וואס נאך ער קען אריינכאפן און טון פאר'ן אייבערשטן.

למשל: יעדן אינדערפרי אויפ'ן וועג צו שחרית פלעגט ער פארבייגיין א אידישע בעקעריי וואס האט געהאט א גוי'אישן ארבעטער. ער פלעגט יעדן אינדערפרי אריינווארפן א שטיקל האלץ אינעם ברענענדיגן אויוון, כדי אפצוהיטן אידישע קינדער פון עסן פת עכו"ם (ברויט וואס איז געבאקן געווארן דורך א גוי). דורך אריינווארפן דאס שטיקל האלץ, באקומט עס דעם דין פון פת ישראל.

איינמאל האט מיין רבי געשמועסט מיט א איד וואס האט אים דערציילט אז ער שטייט אויף יעדן טאג פיר אזייגער פארטאגס, ווייל ער דארף פארן א לאנגע וועג צו זיין ארבעט.

פון דעמאלטס אן האט מיין רבי שוין קיין מנוחה נישט געהאט.

"שטעלט זיך פאר," האט ער מיר אמאל געזאגט, "יענער איד שטייט אויף אזוי פרי צוליב אביסל געלט, צוליב חיי שעה; איז דאך א קל וחומר אז איך זאל זיכער אויפשטיין פרי און אריינכאפן אין די צייט תורה, תפילה און מעשים טובים." ער האט שטענדיג געלעבט מיט תכלית, מיט יענע וועלט.

מיין רבי פלעגט כסדר חזר'ן מיט אונז די זכות פון זיין א מזכה את הרבים, און אונז דערמאנען אז דער שטן שטייט יעדן טאג פון פריש און וויל מאכן אידן זינדיגן. וואויל איז דער מענטש וואס איז עוסק אין ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן. ער פלעגט אונז זאגן אז דאס איז אן 'אינשורענס' מען זאל נישט זינדיגן, ווייל עס שטייט: "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו".

דאס דערמאנט וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אומצאליגע מאל אין עצתו אמונה: *דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכ"ח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קום און זע, א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין צו א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; ער נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט. דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות, "וְזָכֵי לְמֵחֲמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין די דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.*

*ווער עס טוט פאר אידישע קינדער, ער ברענגט צוריק נשמות ישראל צום אייבערשטן, דער קען ארויף גיין אין הימל בעטן וואס ער וויל און זיינע ברכות ווערן מקוים. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא פה.) אויפן פסוק (ירמיהו טו, יט): וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל - כְּפִי תִהְיֶה, "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן עַם הָאָרֶץ תּוֹרָה, אֲפִילּוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר גְּזֵירָה - מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אפילו דער אייבערשטער אליינס האט געמאכט א גזירה איז עס דער אייבערשטער מבטל צוליב דעם מענטש וואס ברענגט צוריק אידישע קינדער צו אים.*

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# דעם רבינ'ס קיבוץ

## ווערט פארברייטערט

ברסלב'ע ברודער
אברהם הערש וועבערמאן | יואל וועבערמאן

# אריינפיר



אנשי שלומינו גרייטן זיך שוין אין גרויסן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה תשפ"ז הבעל"ט. מ'קויפט שוין טיקעטס, מ'טשעקט איבער די פאספארטן צו זען אויב זיי זענען נאך גוט, אבער יעדער ווייסט אז דער עיקר הכנה איז תפילה. עס איז קלאר אז אפילו אויב מען האט א פאספארט, געלט און געזונט, קען מען אן תפילות נישט אנקומען צום הייליגן רבי'ן.

צווישן די אלע הכנות לעכצט דער עולם צו הערן פרישע אפדעיטס איבערן נייעם בנין אין אומאן. ווער עס איז נאר געווען אינעם ביז-יעצטיגן בנין די לעצטע פאר יאר, זאגן אז מען דערקענט שוין אז די בנין איז ברוך השם איינגאנצן אנגעפילט, אפגערעדט פון די פילע נייע מקורבים וואס קומען צו יעדעס יאר און זאגן זיי ווילן אויך זיין אינעם בנין אינאיינעם מיטן ראש ישיבה, וואס דאס איז א געוואלדיגע תענוג רוחני וגשמי אבער זיי האבן נישט קיין פלאץ.

דעריבער זענען אלע זייער פריילך אז די ארבעט רוקט זיך פאראויס מיט א שנעלן טעמפא. ברוך השם, מען האט שוין געענדיגט לייגן די "ריבאר" (די אייזענס), און מען האט שוין געגאסן די קאנקריט פאר די פוטינגס פונעם בנין.

דא האט מען עס געמאכט אנדערש ווי געווענליך ווען מען בויט א פשוט'ע הויז. נארמאל לייגט מען די "פוטינג" אונטער די פאונדעישאן בלויז עטליכע פיס ברייט, אבער ביי אונזער בנין, וואס וועט זיין א קאמערציאלע געביידע פון עטליכע שטאק הויך, בויט מען עס פיל שטערקער; מען האט געמאכט די גאנצע "סלעב" (דער גאנצער פלאר פונעם בנין) זאל זיין איין ריזיגע דיקע פוטינג. דאס רופט מען א "מעט פאונדעישאן" (Mat Foundation). דער סלעב/פוטינג איז כמעט צוויי פיס הויך קאנקריט מיט ריבאר וואס באדעקט דעם גאנצן שטח.

אויפ'ן שטח פונעם בנין קען מען יעצט זען פילע "ריבאר" אייזענעס וואס שטעקן זיך ארויס פונעם סלעב/פוטינג. דאס איז כדי מען זאל קענען ארויפלייגן דערויף די ווענט פון די פאונדעישאן, און אזוי וועט די גאנצע סטרוקטור זיין בעז"ה איין הארטע שטיק, גענוג שטארק פארן גרויסן בנין.

כדי צו האבן מער פרטים איבערן אויסשטעל פונעם נייעם בנין, זעצן מיר זיך אראפ מיט אונזער אלעמען באקאנטן עסקן און מענעדזשער פונעם בנין, מו"ה העניך יצחק אינדיג הי"ו, צו פארשטיין אלע דעטאלן איבערן נייעם בנין.

**ווי דער עולם האלט מיט פון די בילדער דא אינעם בלעטל, זעט מען אז מ'האט שוין געגאסן די פונדאמענט פארן נייעם בנין. אויב איר קענט אונז זאגן מער איבער נייעם בנין וואס מען בויעט יעצט. ווי גרויס גייט זיין דער בנין און וויפיל שטאקן עס גייט האבן. איז דאס די זעלבע סייז ווי די ערשטע בנין, אדער קלענער?**

א גרויסן שכח פארן פרעגן איבער דעם, עס איז זייער וויכטיג אז דער עולם זאל אביסל מיטהאלטן וואס מען בויעט, דאס ווערט דאך געבויעט פארן ציבור.

איז לאמיר גיין צום ענין; דער נייער בנין איז אסאך קלענער ווי די יעצטיגע בילדינג; ס'איז בכלל נישט קיין פארגלייך.

דער בנין איז געמאכט פאר אזאנע מענטשן וואס ווילן האבן אזא פריוואטע דירה'לע. עס וועט האבן א בעיסמענט און אויף דעם וועט זיין דריי שטאקן. דער פלאן יעצט איז אז מ'גייט אי"ה בויען פיר בנינים איינס נעבן דעם צווייטן באהאפטן. **יעצט בויעט מען נאר איין בנין.**

די פלאן יעצט איז, בעזרת השם, צו מאכן די בעיסמענטן אלס איין גרויסע פלאץ, כדי מ'זאל דארט קענען מאכן מיט די צייט א מקוה, א קאך, א לאנטש-רום, און נאך.

מ'וויל עס מאכן אויפ'ן סטיל פון דירות: צוויי דירות אויף יעדן שטאק, יעדע דירה פארמאגט א דיינינג-רום וואו מ'עסט און פיר שלאף-צימערן. אין יעדן שלאף-צימער וועט זיין פלאץ פאר צוויי בעטן. מ'ווייסט נאכנישט יעצט אויב עס וועט האבן באנק-בעטן אדער איינצעלע בעטן; דאס ווענדט זיך זייער שטארק אין וואס דער עולם וועט וועלן.

**נאכ'ן ענדיגן דעם ערשטן בנין וועט מען הערן וואס די מענטשן ווילן האבן פאר די קומענדיגע דריי בנינים וואס מ'פלאנט צו בויען דערנעבן.**

**זייער אינטערעסאנט. מ'ווייסט שוין יעצט וויאזוי מ'גייט קענען**



## קויפן אזא דירה'לע, אדער אויב מ'גייט עס דינגען אדער קויפן?

מ'גייט פארדינגען בעטן, פונקט ווי עס איז אינעם ערשטן בנין. יעצט ארבעט עס אזוי אז מענטשן נעמען זיך צוזאם און מ'דינגט אינאיינעם א צימער; למשל, אכט מענטשן קומען און זאגן: "מיר זענען די אכט מענטשן אין דעם צימער." די זעלבע זאך וועט זיין מיט א דירה, וואו זעכצן מענטשן קענען זיך צוזאמענעמען און זאגן: "מיר זענען אינאיינעם אין די דירה."

למשל, משפחת וועבערמאן נעמט זיך צוזאם און זיי דינגען א דירה; מ'פראווועט אינאיינעם דעם יום טוב און מ'מאכט א שיינע יום-טוב'דיגע סעודה. מען טונקט די עפל אין האניג, מען מאכט א יום-טוב'דיגן קידוש, און מען זינגט זמירות - ס'איז ממש א מחיה.

פון איין זייט דארף מען טאקע נישט גיין און קומען, אבער פון די אנדערע זייט באקומט יעדער אביסל מער אחריות אויף זיין דירה. פונקט ווי ביי דיר אינדערהיים האסטו נישט קיין גוי ביי יעדע סעודה וואס לייגט דיר ארויף דאס עסן אויפ'ן טיש, און דו האסט נישט קיין גוי וואס קלינט דיר אפ דעם טישטוך; מ'שטעלט זיך אויף נאך די סעודה, מ'נעמט צונויף דעם טישטוך, און מ'טראגט ארויס די גארבעדזש – דא וועט אויך זיין אזוי. יעדער גייט אליין באקומען אחריות אויף זיין דירה, אנצוגרייטן די אייגענע סעודות, און אזוי ווייטער.

## וועלן די אינגעלייט פון די דירות קענען עסן אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה די יום טוב סעודות אדער זיי וועלן נאר קענען עסן ביי זייער דירה פריוואט?

די וואס דינגען א דירה וועלן עסן פריוואט, צוליב דעם זענען טאקע דא צוויי סארט בנינים; ס'איז דא א חלק עולם וואס וויל אזוי, און ס'איז דא א חלק עולם וואס וויל אזוי, דערפאר זענען דא ביידע אפציעס. דאס איז א צווייטע סארט בחינה אינגאנצן. חלק עולם וואס וויל אזוי, דערפאר זענען דא ביידע אפציעס. דאס איז א צווייטע סארט בחינה אינגאנצן.

## בערך וויפיל מער גייט קאסטן א בעט אין דעם בנין וואס מ'בויט יעצט?





עס וועגדט זיך אין זייער אסאך זאכן, אבער עס גייט זיין אביסל מער ווי ביים ערשטן בנין; לאמיר זאגן בערך אכצן הונדערט דאלאר א בעט.

**קוקט אויס זייער גוט, לאמיר האפן אז דאס זאל שנעל ווערן פארטיג, כדי עס זאל זיין געגוג פלאץ פאר אלע וואס ווילן זיין ביי אונז אויף ראש השנה.**

**צום שלוס, אויב דו קענסט זאגן א ווארט וועגן דעם יעצטיגן היי-יאריגן אומאן, און וואס דו טוסט אלץ צו צוגרייטן דעם בנין.**

היי יאר האב איך געדינגען א גוי וואס ארבעט שוין דארט עטליכע חדשים. ער ארבעט יעדן טאג, ער גייט ארום אין יעדע שטוב און קוקט אלעס דורך זאך ביי זאך. ער טשעקט יעדע זאך און שיקט מיר בילדער; ער זאגט מיר פונקטליך וואס מ'דארף פאררעכטן, אויב א טיר איז צעבראכן, א טוילעט ארבעט נישט, א הענטל פעלט, די לייטס דארפן א תיקון, און אזוי ווייטער. ער ארבעט שוין דארטן נאך פון פאר פסח.

**איז דא עפעס וואס מ'פלאנט צוצולייגן היי יאר? זאל עס זיין ביים עסן פלאץ, ביי די סינקס, ביי די קאווע, אדער אין מקוה?**

עס זעט נישט אויס ווי מ'וועט עפעס דארפן צולייגן דאס יאר. פאריאר איז די סוער געווארן פארשטאפט, און מ'האט עס געדארפט איבערמאכן נאך ראש השנה. מ'האט דעמאלטס געארבעט בערך צוויי חדשים, מ'האט אויפגעגראבן די גאנצע זאך און עס פאררעכטן. איך האף אז עס איז גוט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס יאר זאל אלעס קלאפן און עס זאלן נישט זיין קיין פראבלעמען.

בעצם איז די וואסער סיסטעם געווען זייער גוט; עס איז געווען געגוג וואסער און די פאמפס האבן פיין געארבעט. גראדע האלט מען שוין יעצט אינמיטן אנפילן די וואסער טאנקס. עס נעמט זייער לאנג ווייל מ'פילט עס אן צוביסלעך. דאס איז איינע פון די זאכן וואס איך האב געהייסן דעם ארבעטער ער זאל זיין ספעציעל פארנומען דערמיט, זיכער צו מאכן אז עס ארבעט טאקע און עס פילט זיך אן שטאטעלעך.

פאראיאר זענען מיר באמת אויך געווען אנגעגרייט; מיר האבן געהאט געגוג וואסער איבערצוקומען ערב יום טוב, ערב שבת, מוצאי שבת, זונטאג און מאנטאג. נאר מ'איז ארויפגעקומען מיט א נייע פראבלעם, אז די סוער איז געווארן פארשטאפט, ביז מיר האבן געמוזט פארמאכן דאס וואסער כדי עס זאל נישט ארויסרינען. די גאנצע בעיסמענט איז געווארן פיל מיט וואסער און סוער.

איך האב געהאט א טרעקטאר דארטן, און מיר האבן גערופן א קאמפאני זיי זאלן קומען אויפסנעיקן מיט א ספעציעלן דזשעט; ער האט געבעטן א שיינע פאר דאלער פאר די ארבעט, אבער למעשה איז עס געווען צו קליין. האבן מיר גערופן א צווייטע קאמפאני און מ'האט פרובירט שנעל אויפצושטאפן די סוער, און דאס וואסער האט ברוך השם אנגעהויבן ארבעטן, אבער למעשה איז עס צוריק געווארן פארשטאפט. אזוי איז מען געגאנגען אהער און אהין, ביז מ'האט למעשה געדארפט ברענגען א טרעקטאר און אויפגראבן מער.

מ'האט פרובירט, אבער עס איז נישט געווען בידינו; מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן.

מען דארף גדעדנקען צו בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיין א שיינע וועטער אין אומאן. די יאר איז עס נאך פריער אין סעזאן, ממילא דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט זיין הייס און עס זאל נישט זיין שטיקעדיג אינעם בנין, נאר עס זאל זיין פיין לופטיג. הייצונג האבן מיר אינעם בילדינג, אבער עירקאנדישן האבן מיר נישט אינעם בנין.

אזוי אויך דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט רעגענען, ווייל למעשה ליגט די קאווע אינדרויסן, און אויך די סינקס און די סוער געפינען זיך אינדרויסן.

פאראיאר האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט רעגענען, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן. דער ראש ישיבה איז פאראיאר אוועקגעפארן מוצאי ראש השנה אביסל שפעטער פון מיר, און ווען ער האט זיך אריינגעזעצט אין די קאר האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז ער האט בשעת מעשה געטראכט אז דאס איז אן אפענע מעשה פון תפילה, אז די רעגן האט אויסגעווארט אויף אונז; עס האט נישט גערעגנט די גאנצע צייט וואס מיר זענען דארט געווען.

**א גרויסן יישר כח פארן איבערגעבן די פרטים פונעם נייעם בנין, און אזוי אויך באדאנקען מיר זיך פאר די געטרייע ארבעט וואס דו לייגסט אריין א גאנץ יאר פארן הצלחה פון אונזער קיבוץ אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן.**

**דער אייבערשטער זאל דיר באצאלן דערפאר מיט אלעס גוטס.**


T!P ATT. LEVEL
SIIASEG STAIRNELL
TYP. APT. LEVCL
SHABED STAIRRELL
TYP. APT. LEVEL

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## גע'גנבט'ע ספר תורה

איינמאל איז א איד, וואס האט זיך געהאלטן פאר א חשוב'ער איד, א למדן און א פארשטייער, אנגעקומען צו מוהרא"ש און געזאגט: "איך האב צו פארקויפן א שיינע ספר תורה, גאר מהודר'דיג, פאר א גאר ביליגן פרייז; אפשר ווילט איר עס קויפן?"

מוהרא"ש האט גלייך פארשטאנען אז אויב איינער האט צו פארקויפן א ספר תורה פאר גאר ביליג, ליגט דא עפעס א באהאלטענע פראבלעם וואס ער דערציילט נישט.

מיט זיין גרויס חכמה האט מוהרא"ש אנגעהויבן דרייען א שמועס וועגן דעם ספר תורה אהין און צוריק, כדי צו קענען דערטאפן וואס דא ליגט באהאלטן, ביז אינמיטן דעם שמועס איז עס אנטפלעקט געווארן ווען דער איד האט זיך ארויסגעכאפט: "די ספר איז גע'גנב'עט." רחמנא ליצלן!

מוהרא"ש האט זיך אנגערופן צו דעם איד: "חס ושלום! פארוואס זאל איך קויפן א גע'גנב'עט ספר תורה?" האט דער איד מסביר געווען: "ניין! נישט איך בין דער גנב; נעבעך א איד א בעל עבירה האט עס גע'גנב'עט פון א שול און עס מיר פארקויפט פאר גאר ביליג, האב איך געטראכט אז אוודאי וועל איך עס קויפן, עס זאל נישט בלייבן אין די הענט פון א בעל עבירה, און איך וויל יעצט טון א גרויסע מצוה עס מזכה צו זיין פאר א גאר ביליגן פרייז פאר אזא חשוב'ע שול, און בפרט א שול וואס איז אויף דעם רבי'נס נאמען."

האט מוהרא"ש אים געזאגט: "אפילו דו וועסט מיר געבן דעם ספר תורה אומזיסט וועל איך עס נישט נעמען, ווייל יעדע ברכה וואס מען גייט מאכן אויף דעם ספר תורה וועט זיין א פאר'מיאוס'טע ברכה, וויבאלד די ספר תורה איז גע'גנב'עט."

אבער דער איד האט מיט זיין חכמת המדמה פרובירט זיך צו טענה'ן: "יא, אבער למעשה, מיט דעם ספר תורה וואס איינער האט גע'גנב'עט און געטון אן עבירה, אויב מען וועט עס ארײנלייגן אין א שול, מען וועט לייענען דערין און מאכן א ברכה אויף דעם, וועט דאס זיין א תיקון פארן גנב."

אבער מוהרא"ש האט אים מסביר געווען: "די איינציגסטע וועג וויאזוי מען קען פארעכטן א גזילה איז נאר דורך איין וועג, די וועג וואס די תורה זאגט 'והשיב את הגזלה' - צוריקגעבן די גע'גנב'עטע ספר תורה פארן שול וואו עס באלאנגט; אויף אן אנדערן אופן וועט נישט זיין קיין שום תיקון!"

למעשה האט דער איד מיט זיין איינגערעדטער חכמה זיך ווייטער געפרובירט צו דינגען מיט מוהרא"ש, זאגנדיג: "למעשה וואלט איך אייך דאך געקענט זאגן אז איינער האט מיר עס געגעבן אלס א מתנה, און איר וואלט בכלל נישט געוואוסט אז עס איז גע'גנב'עט, וואלט איר עס דאך געקויפט," און אזוי ווייטער האט ער פרובירט מיט פלפולים און לומדות מסביר צו זיין אז עס איז בכלל נישט קיין פראבלעם.

דעמאלט האט מוהרא"ש געזען וואס פוסטע און נארישע חכמות קענען צוברענגען, אבער מוהרא"ש האט זיך געהאלטן ביי זיין און געזאגט: "מיר קענען נישט זיין קלוגער פון די תורה; אז די תורה זאגט 'והשיב את הגזלה', איז דאס די איינציגסטע זאך וואס מיר האבן צו טון."

שפעטער האט מוהרא"ש מסביר געווען, אז דאס קומט פון חכמות; א מענטש האלט זיך פאר א פארשטייער און מיט זיין פארדרייטער חכמה פארדרייט ער דעם אמת, ביז ער זעט נאר די קרומקייט פאר די אויגן און רעדט זיך שוין איין אז דאס איז דער אמת. אבער דער אמת איז די תורה, און אז מען פאלגט וואס עס שטייט אין די תורה, לעבט מען מיטן אמת.

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך חכמות*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבענסגאנג

## קס"ד

## פארזעצונג פון פריער:

**מָאנְטָאג, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן פִּילֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען.**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט הַכְנָעָה, "זִיכֶער וֵייס אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "דוּ וֵייסְט גָארְנִישְׁט וָואס דוּ וֵייסְט נִישְׁט".

אַ צְוֵייטֶע מָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר, נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ חַד בְּדָרָא, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ זַיין אַ חָכָם וָואס אִיז בַּאקַאנְט אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת.

דִי דְרִיטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, "אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר אַ צַדִיק וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם סֵפֶר, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר אַ חָכָם וֶועט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אִין דֶעם סֵפֶר, נָאר אוֹיבּ וֶועט עֶר זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, גָאר אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת, נָאר אַזַא אֵיינֶער וֶועט פַארְשְׁטֵיין אִין דֶעם סֵפֶר".

צוּם פֶערְטְן מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אִים נָאכְאַמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "שְׁטֶעל דִיךְ פָאר, דָאס אִיז נָאר דֶער סֵפֶר. וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר נָאךְ אַ סֵפֶר, וָואס אִין דֶעם זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת, רָזֵי דְרָזִין, פִּיל הֶעכֶער פוּן דֶעם סֵפֶר? מַיין גוּף הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט בַּיים שְׁרַייבְּן יֶענֶעם סֵפֶר, אוּן אִין יֶענֶעם סֵפֶר וֶועט קֶען שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת, נָאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אַלֵיין וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין יֶענֶעם סֵפֶר!"

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן צוּגֶעעֶנְדִיגְט אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם סֵפֶר, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן רֶבִּינְ'ס צִימֶער אַזוֹי וִוי דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי אִידְרָא, דֶער פְּלַאץ וואוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין טְשֶׁעהְרִין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵייסְט זַיינֶע כַּוָונוֹת.

סוֹף חוֹדֶשׁ שְׁבַט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין זַיין צִימֶער נֶעבְּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דָארְטְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר רוֹיט, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "גוּט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, אִיךְ דַארְף דִיר יֶעצְט הָאבְּן". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר אוּן עֶר הָאט עֶס טַאקֶע פַארְשְׁפַּארְט. דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל זִיךְ זֶעצְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ סֵפֶר בִּכְתַב יַד [דֶער סֵפֶר וֶוערְט גֶערוּפְן בַּיי אוּנְז "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף"], עֶר הָאט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹת בַּיי אוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם כְּתַב יַד.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ אַזוֹי גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן. דֶער רֶבִּי אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזֶעסְן דָארְט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר.

אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אִיבֶּערְגֶעהַאקְט עֶטְלִיכֶע מָאל, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָנ'ן, "דוּ וֵייסְט דֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט?! וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וָואלְסְטוּ גֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן: גֶעוַואלְד! וָואס טוּט זִיךְ דָא?"

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## די לעמעלע שפראך

משפחת סוקסעסוויטש איז וואויל באקאנט ביי אלע ארומיגע.

די סוקסעסוויטש'עס האבן עס.

BY FAR!

די סוקסעסעוויטש'עס בויען יעדן יאר א נייעם פופצן שטאקיגן געביידע וואס וועט אריינברענגען צוויי מעליונ'ס יערליך פאר די סוקסעסאוויטש פעמילי.

די סוקסעסוויטש'עס האבן כמעט נישט קיין סטאפ ארדערס אינמיטן בויען.

זעט אויס אז די מענטשן מיט די נישט ווייסע הויט וואס טיילן סטאפ ארדערס פאר א ליווינג שרעקן זיך פון די נאמען סוקסעסעוויטש.

זיי דזשאדזש'ן יא א בוק ביי דהי קאווער.

אז מען הייסט סוקסעסעוויטש געבט מען נישט קיין סטאפ ארדערס און שוין.

דער זיידע, פישל סוקסעסעוויטש, דער פאטריארך פון משפחת סוקסעסעוויטש, איז געווען א פרוטה'לויזער נאכ'ן קריג, געארבעט שווער און ביטער אין דעם פעטער'ס נעקטיי פעקטארי אין לאווער איסט סייד.

זיין אמעריקאניזירטער פעטער האט אריינגענומען דעם נעפיו צו ארבעטן עבודת הפרך אין די נעקטיי פעקטערי.

נאך צען יאר ארבעטן ביטער און שווער זאגט אים זיין פעטער אז זיינע צוויי קינדער זענען אמעריקאנע הפקר בויטשיקס, זיי נעמען דראגס און נעמען נישט קיין עול, קוקן טעלעוויזיע און וואטשן מאוויס, במילא, זאגט דער פעטער, אזוי ווי איך ווער שוין עלטער, וויל איך אז מיין פעקטערי זאל אריבערגיין צו דיר, און פארשטייט זיך אויך די פעקטערי בילדינג וואס איז מיין אייגנטומערשאפט, אז נישט וועט גארנישט בלייבן דערפון.

נאך עטליכע יאר האט מען פארקויפט די בילדינג מיט די פעקטערי דערין, מיט די געלט האט מען געקויפט ריעל עסטעיט דא און דארט און דערנאך אנגעהויבן דיוועלאופן לאנד, ארויפציען צען צוואנציג שטאקן וואו מען קען נאר, די הצלחה האט געשיינט.

נאך עטליכע יאר איז דער זיידע פישל הלך לעולמו, די קינדער האבן זיך צונויפגעזעצט און געשמועסט א וועג ווי אזוי צו מסדר זיין די פארמעגן.

עס איז געבליבן אז דוד סוקסעסעוויטש וועט אויסשרייבן א טשעקל פון צען מיליאן טאלער אפטערט געלט פאר זיינע דריי ברודערס.

דאס הייסט צען מיליאן טאלער פער ברודער.

און אזוי האט דוד סוקסעסעוויטש אפגענומען די דיוועלאפערשאפט במלא מובן המילה.

די ביזנעס האט זיך פארברייטערט און פארברייטערט און פארברייטערט אזוי ווי וואס מען רופט די "סנאו באלל אפעקט" (SNOW BALL EFFECT).

## משה אריה שניצלער

אזוי ווי א שניי באלי וואס מען קייקלט אראפ א בארג און עס ווערט גרעסער און גרעסער און גרעסער.

מיט יעדן געענדיגטע געביידע וואס האט אריינגעשארט צוויי מעלוינעס א יאר, האט מען שוין תיכף ומיד געקויפט נאך לאנד און געבויעט נאך שטאקן וחוזר חלילה וחוזר חלילה.

דוד סוקסעסעוויטש ווערט נישט אינגער, ער ווערט נאר עלטער.

מען האלט שוין ביי די הויכע שמונים.

ביז איין טאג איז געווען הלך לעולמו, דוד סוקסעסעוויטש איז געגאנגען בדרך כל הארץ, וואו יעדער מענטש גייט.

עס איז געווען דריי זון מיט עטליכע טעכטער.

מען האט זיך צונויפגעשמועסט אין די משפחה בנוגע די ירושה, די טעכטער האבן באקומען ברייטע אפטערט געלטער.

די דריי זון האבן ווייטער געפירט די דיוועלאופמענט ביזנעס.

חיים זיצט אין אפיס ביי די פינאנצן, משה גייט מיט די מאראסטיגע שיך פון סייט צו סייט און האקט אין טיש פארוואס מען גיסט נאכנישט די פאונדעישן, און יונה איז דער וואוילטשיקער וואס לערנט מיט חברותות א האלבן טאג און פיילט פאר פערמיטס און אפראוועלס די אנדערע האלבע טאג.

איין קליינע פראבלעם האט זיך געמאכט זייט דער טאטע איז נישט דא.

עטליכע הויכע ארבעטערס פון די קאמפאני האבן עפעס געהאט א פראבלעם מיט די נייע פירערשאפט פון די קאמפאני.

דא און דארט זענען זאכן געווארן אביסל לויז.

דא און דארט איז געווען פון די הויכע שישקעס וואס האבן געוואלט ווייזן אז זיי פארשטייען בעסער צו בויען ווי די נייע בעלי בתים.

זיי האבן פרובירט זיך מתחצף צו זיין דא און דארט.

בעיקר איז עס געווען פראנצעסקאו, דער וויס פרעזידענט און אפערעישנס וואס ארבעט שוין אסאך יארן פאר די סוקסעסעוויטשעס, ער איז א גאנצער מוציא מבין אויף סטראקטשורעל ענדזשענירונג, ער האט א דעגרי אין ארכיטעקטשור פון די מעסעטשוסעטס אינסטיטוט און טעקנאלעדזשי, ער שרייבט אפילו א חודש'ליכע קאלום אין די סקייסקרעיפער מאנטלי דיידזשעסט מאגאזין, ער האט אלץ פרובירט צו רעדן מיט א שטיקל איבער-חכם'אישע שפראך צו די סוקסעסעוויטשעס, ער האט געהאט ווערעם אין קאפ, ער האט זיך געהאלטן צו קלוג, ער האט שטילערהייט שטייטערהייט אנגעהויבן אריינברענגען א נישט גוטע חוצפה'דיגע לופט אין די אויבערשטע לעוועלס פון די קאמפאני.

איין טאג איז עס געווען, חיים'ס זון זלמן סוקסעסעוויטש האט געדארפט שמועסן מיט'ן טאטן איבער ביזנעס ענינים, איז ער געזעצן דארט אין אפיס פון די סוקסעסעוויטשעס.

אווארט אהער א ווארט אהין און ביז וואס ביז וועלן האט ער נייטראליזירט דעם פראנצעסקאו בענעזאם מיט זיין דעגרי און אויך די חודש'ליכע קאלום.

ווי נאר זלמן האט אנגעהויבן מאכן SMALL TALK האט מען גלייך באמערקט ווי פראנצעסקאו האט פארלוירן זיין לשון.

דער אלטער פראנצעסקאו איז נישט דא, אן אנדערער פראנצעסקאו שטייט דא נעבן חיים מיט זלמן כעבדא קמי מריה.

דער פראנצעסקאו איז נישט געוואוינט געוועזן צו הערן ווי מען רעדט צו אים שטארק און קלאר און געזונט און אן א פחד.

די זאך איז געווען אז זלמן האט געהאט טאלאנטן וואס נישט יעדער האט.

זלמן האט געהאט א גראדע רוקן און צוויי שטרענגע אויגן.

זלמן האט גערעדט א שפראך וואס איז אומצווויידייטיג.

ווען זלמן האט גערעדט האט מען געהערט א קלארקייט אין זיין קול אזוי ווי איינער זאגט אז איינס מיט איינס איז

צוויי, געזאגט אן קיין לעכער אין די צינג.

משפחת סוקסעסוויטש האט זיך צונויפגעזעצט אויף א מיטינג און עס איז באשלאסן געווארן פה אחד אז מען וועט ריקאנסטראקשענען די פינאנציעלע אויסשטעל פון די ביזנעס און שענקען א SHARE אין די פראפיט פאר זלמן'ען אויב נעמט ער אויף זיך די פאזיציע פון באזוכן די סייט'ס און מאכן זיכער אז עס איז דא ארדענונג אין קלאס.

אלע זענען געווען צופרידן פון די רעזולטאטן, זאכן האבן אנגעהויבן ווייטער גיין על מי מנוחות, און די ארבעטער האבן קלאר פארשטאנען אז מיט זלמן'ען פארט מען בעסער אלץ פאלגזאמע אינגלעך, מיט זלמן הייבט מען נישט אן, איין גראדע קוק פון זיינע שארפע געזונטע אויגן און דו פארלירסט דיין גלייכגעוויכט.

די אויסבלוטונג פון די לעצטע אנדערהאלבן יאר האט זיך צוביסלעך אפגעשטעלט, די פראפיטן האבן אנגעהויבן גיין ווייטער אזוי ווי אמאל ווען די הצלחה האט געשיינט און געשיינט און געשיינט.

א יעדן טאג נאך די ארבעט קומט א איד אהיים מיט א גראדע פרייליכע טאנצעדיגע זינגעדיגע רוקן און מיט צוויי פאר אויגן וואס קוקן גראד און גלייך און האלטן פאוקוס.

מען ברענגט אהיים צוויי פאר אויגן וואס זעען די הארץ פון די מענטש וואס מען רעדט מיט, פשוט'ע אלד פעשן הארציגע אויגן.

הארציג איז קאנפידענט און קאנפידענט איז הארציג, עס גיבט נישט איינס אן דאס צווייטע.

מען ברענגט אהיים אויגן וואס קוקן מיט רחמנות און א מויל וואס זאגט קלאר וואס דאס קינד האט צו טון, די צוויי גייען בענעזאם, געקניפט און געבינדן.

מען זאגט עס מיט א גלייכע גראדע רוקן, נישט קיין געפאנפעטע מעשיות.

די וואס האבן ליב די קינדער רעדן שטרענג, און די וואס רעדן שטרענג האבן ליב די קינדער.

שטרענג מיינט נישט פראסקענען. שטרענג מיינט נישט קוויטשקענען.

שטרענג מיינט אומצווויידייטיג.

שטרענג מיינט אז דער טאטע האט א זיכערקייט אין זיינע ווערטער.

איינער האט אמאל געפרעגט דעם ראש ישיבה אויף א זאך וואס ער הייסט זיין קינד און דאס קינד פאלגט נישט.

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען, אז ס'איז דא צוויי וועגן פון רעדן צו א קינד.

מיר וועלן עס אנרופן די לעמעלע שפראך און די הארץ אטאק שפראך.

די לעמעלע שפראך רעדט מען פון א טאטע וואס ער טראכט איך בין אייביג געווען א לא יוצלח, קיינער האט נישט געוואלט זיין מיין חבר, ווי קען בכלל זיין אזא זאך אז מיין קינד זאל פאלגן אזא לא יוצלח טאטע ווי איך, א נאר דארף ער זיין מיך צו פאלגן, און בכלל ווי האב איך די הארץ אים נישט צו קויפן די העליקאפטער וואס "יעדער" האט, איך האב נישט די הארץ נישט צו קויפן די העליקאפטער, איך וועל ווייטער גיין מיט די לעמעלע שפראך.

די הארץ אטאק שפראך רעדט מען פון א מענטש וואס ער מאכט פון זיין הייסן א געשעענער פאקט.

ווען איך הייס אריינגיין אין בעט איז מען א מינוט דערויף אין בעט.

און אויב נישט?

נישטא קיין אויב נישט!

נישטא קיין אויב נישט!!!!!!

ווען איינער זעט איינעם חס ושלום כאפן א הארץ אטאק, שרייט ער הצלה, ער שרייט עס אויף די "הארץ אטאק שפראך", יעדער וואס הערט זיין קול ווייסט אז ביז א מינוט איז הצלה דא! זיין שרייען ווערט א סקונדע ארום א פאקט.

א גוטע טאטע איז נישט דער וואס רעדט די לעמעלע שפראך און פרעגט דעם קינד צו ער וויל ענדערש א האווערבארד אדער ענדערש א העליקאפטער.

א גוטער טאטע איז דער וואס רעדט צום קינד די "פאקטישע" שפראך.

וואס א טאטע הייסט געשעעט!!

ווי אזוי?

פיגער עס אויס!

און ווי אזוי ווערסטו האבן געלט פאר אומאן? דו פיגערסט עס אויס.

און ווי אזוי ווערסטו האבן געלט פאר

מצות און ד' כוסות? עפעס SOMEHOW פיגערסטו עס אויס.

אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסן עסן מצות, און צינדן די מנורה, אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן אויסלערנען קינדער אז וואס א טאטע הייסט ווערט א געשעענער פאקט.

האט דער ראש ישיבה דעמאלטס מסביר געווען אז די קינדער הערן גלייך אין דעם טאטן'ס קול צו ער איז דא פאר ביזנעס אדער ער זאגט עס נאר סתם, אזוי ווי THIS IS A RECORDING.

קינדער פילן צו דער טאטע האט אפגעמאכט אז ער גייט יעצט געבן זיין גאנצע מח קאנצענטראציע אויף זען די לעכטיגע הארציגע ריינע קינדער אריין אין בעט אן קיין קוויטשקערייען און אן קיין גריצלדיגע קולות, אדער זיין מח איז בכלל נישט דא, נאר ער שרייט "אריין אין בעט" אויף יוצא צו זיין, אזוי ווי איינער וואס דרוקט א אומריכטיג קנעפל.

אזוי ווי די תורה האט געהייסן אז דער טאטע זאל מחנך זיין קינדער, אזוי האט די תורה געהייסן אז דער טאטע זאל הייסן אריין אין בעט ווען ער וויל אז דער קינד זאל יעצט אריין אין בעט, ווען זיין קאפ איז דערביי, SET אויף דיין MIND, אזוי ווי איך עס שניצל מיט סוויט פעטיטע פרייס פון זעקס ביז זיבן און מיין קאפ איז אינגאנצן דערביי, אזוי לייג איך שלאפן די לעכטיגע הארציגע ריינע קינדער פון זיבן ביז אכט און מיין קאפ איז אינגאנצן דערביי.

אויב ווען ער זאגט "אריין אין בעט" טראכט ער נישט אז יעצט דארף מיין קינד זיין אין בעט, נאר ער טראכט אלע חברים זענען שוין ביי מושי'ס בריסקעט וואך נאכט נאר איך בין גע'PUNISH'ט אז איך קען נישט גיין צום וואכנאכט ביז יאנקעלע איז אין בעט, ווערט זיין קליינע יאנקעלע דאס דיטעקטן אין זיין קול! יא! בעררררררררעררררר בעליוו איט!

דיין יאנקעלע כאפט וואו דיין קעפעלע איז! בעליווירררררררעררררנאט!

דאס איז נישט קיין סתירה מיט דעם וואס דער ראש ישיבה זאגט אז אויסלערנען א קינד צו פאלגן גייט נישט אין איין טאג, קינדער פאלגן נישט גלייך, מען זאגט זיי נאכאמאל און נאכאמאל אז א טאטע רעדט נאר איינמאל!

לאך נישט! אז א קינד פאלגט נישט מיט איינמאל הייסן זאגט מען אים אז די תורה זאגט מען מוז מורא האבן פון א טאטע.

אזוי ווי דו האסט אים געזאגט נאכאמאל און נאכאמאל אז מען צינדט נישט אן קיין לעקטער אום שבת און יעצט פירט ער זיך אזוי, אזוי ווערסטו אים זאגן נאכאמאל און נאכאמאל אז די תורה הייסט מורא האבן פון א טאטע, ביז ער ווערט זיך אזוי פירן.

נאך א מעשה איז געווען אז איינער האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז זיין קינד פאלגט נישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די פראבלעם איז נישט דיין קינד, דיין פראבלעם איז דו, דיין פראבלעם איז אז דיין קאפ האט נאכנישט אפגעמאכט אז ס'איז דא א מצוה פון חינוך אויסצולערנען דעם קינד אז דער באשעפער הייסט מורא האבן פון א טאטן".

נעם די מצוה פון חינוך און לייג דיך אריין מיט אלע פיטשעווקעס, PLUG זיך אויס פון אנטלויפן אין די צייט וואס מען דארף זיין אין שטוב מיט די קינדער, זארג נישט אז די דריטע קאזנס וואכנאכט בריסקעט זאל האבן ווער עס זאל עס איינטונקען אין זענעפט, זארג אז דיינע קינדער זאלן האבן א געזונטן טאטן וואס טוט זיין פליכט פון אויפציען געזונטע שטארקע קינדער וואס זאלן זיך קענען פארמעסטן מיט די ריאליטעטן וואס די לעבן ווערט אים ברענגען.

אזוי ווי ביי די אתרוג נעמט מען דעם שענסטן הדר מיט א הערליכן גידול, אזוי טוט מען אין חינוך, מען געבט פאר די קינדער א הערליכן גידול.

יעדער קען זיך פארשאפן די אומצווידייטיגע קול.

יעדער קען זיך פארשאפן די גראדע פרייליכע רוקן.

יעדער קען האבן די צוויי גראדע שטרענגע ליבליכע הארציגע געזונטע אויגן וואס קוקן גראד און האלטן פאוקוס.

רעדן צום אייבערשטן געבט פאוקוס.

רעדן צום אייבערשטן געבט קלארקייט אין מח.

רעדן צום אייבערשטן מאכט רעדן קלאר און שטארק.

אז דו רעדסט צום אייבערשטן יעדן טאג קענסטו אויך הייסן סוקסעסוויטש!




## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in
**רופט 347–731–3144**

## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
**רופט 917–501–5100**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט
צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ
זומער.
**רופט הערשל בוים**
**347–786–1767**

## דירה פארן זומער

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו
פארדינגען פארן זוממער.
**רופט לייבי ראטה**
**347–578–4449**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן זוממער.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און געשמאקע דיינוג רום.
**רופט ליפא שווארץ**
**917–541–1197**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע שיינע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פארן זוממער.
שיינע בעדרומס, א גרויסע קאך און דיינוג רום, גרויסע פעלד פאר
די קינדער צו שפילן.
**רופט שלמה יאקאבאוויטש**
**845–637–5367**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו**
וזוגתו באשא תחי'

**צו די שידוך שליסן פון אלעזר ארי' נ"י**
**למזל טוב**

**עב"ג**
**מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו**
וזוגתו לאה מרים תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## און עד אין
## בלעטל ברענגט
## רעזולטאטן

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **יעקב משה אינדארסקי** הי"ו

וזוגתו שיינדל תחי'

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **יודא יחיאל דעפרסי** הי"ו

וזוגתו רחל תחי'

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**


loop
PLUMBING
Always on call
917.202.1206


## Fully furnished House for the summer

4 huge bedrooms
+1 small bedroom ground level
3 toilets. 2 bathtubs.
Plus extra shower ground level.
Huge Kitchen.
Huge dining room.
Huge living room.
Huge playroom.
Huge basement.
Laundry room included washing machine and dryer
2 separate entrances to the house.
Big garage.

4 minutes from lemonade supermarket
3 minutes from Chider/ School

Call Avrumi Dantizger
514-531-3678






# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**סיום גמרא מסכת ברכות און ששה סדרי משנה דורך הילד בעריש רעכניצער נ"י אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק בהעלותך**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**הבה"ח אלימלך עגמי נ"י ביים בינדן די נייע חומשים פארן ביהמ"ד אין שטעטל - ג' שלח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**וואכנאכט ביי מו"ה יוסף זינגער הי"ו אין סטעטן איילענד - ב' שלח**

קרעדיט: שלמה האממער





**אנשי שלומינו ארבעטן צו פארברייטערן די נייע ביהמ"ד היכל הקודש אין טבריה - ג' שלח**

קרעדיט: אליהו לב







**ברית פון הילד בן מו"ה יוסף זינגער הי"ו אינאיינעם מיט א סיום הש"ס פונעם אבי הבן אין ישיבה - ג' שלח**

קרעדיט: שמעון ווידער



**ביים עסן פרישטאג מיט די בחורים אין ישיבה - ד' שלה**

קרעדיט: שמשי כהנא



**א בליק אריין אין נורסערי אין שטעטל - ד' שלה**

קרעדיט: יעקב יאקאבאוויטש





**ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - ד' שלה**

קרעדיט: יצחק יונה זאבעל



**חדר פירן פון הילד אליהו ני"ו בן מו"ה ישראל משה דושינסקי הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - א' שלה**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**נייע צאמלייג מאשין אנגעקומען אין די בית הדפוס אין בני ברק - עש"ק שלה**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

# אינדערהיים

**קאר ליעס**
ג. פעקעטע

**א טיפע טראכטער**
ש. טראכטער

## א צעמענטענע



## קעדי עסקעלעיד

רעסעפי Fruit Soup

# אינהאלט


10



7

**בס"ד**
קרח
תשפ"ו
**נומער 23**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. טראכטער



# א טיפע טראכטער

דער וועג מצליח צו זיין אין היכל הקודש איז נאר אויב מען טראכט נישט?” וויל מיין טייערע חבר'טע מאנשי שלומינו וויסן. ”איך ווייס אז איך האב אזויפיל קונה געוועזן דא, איך ווייס אז איך בין אזויפיל געשטיגן, אבער... איך שפיר אז דער איינציגסטער וועג וויאזוי מצליח צו זיין אין היכל הקודש איז אויב מען טראכט נישט; מען דארף אויפהערן טראכטן. איך בין אזא טיפע סארט מענטש, איך האב יא ליב צו טראכטן און טראכטן...”

איך פארשטיי נישט איר שאלה. אוודאי דארף מען טראכטן, אבער נישט סתם. אין היכל הקודש הערט מען נישט אויף צו טראכטן, פארקערט, מען הייבט אן צו טראכטן! אפשר הערט מען אויף צו טראכטן פון שטותים, פון וואס יענער זאגט אויף מיר, אדער פונעם שכן, אבער אוי ווי מען טראכט... מען טראכט אזויפיל פונעם תכלית, פונעם אמת, פון נצחיות, פונעם אייבערשטן, וויאזוי מען קען בעסער ווערן, און פון שמחה של מצוה. אוי, ווי מען טראכט!

”אין היכל הקודש טאר מען נישט האבן קיין אייגענע מיינונג? מוז יעדער אין היכל הקודש טראכטן דאס זעלבע?” ווער האט דיר איינגערעדט אזא שטות און נארישקייט? די שיינקייט פון היכל הקודש איז דוקא די אייגנארטיגקייט. וואו נאך אין די וועלט איז דא א פלאץ וואס איז אזוי ווייניג מצומצם צו חיצוניות? שפאציר אריין אין א היכל הקודש שול

אדער ביי א פרויען פארברענג, און איך מיין אז מען זעט דארט א סצענע וואס מען זעט נישט אין ערגעץ אנדערש. צו מיר זעט עס אויס אביסל א בחינה פון ימות המשיח, ווען דאס שעפעלע מיט'ן לייב וועלן וואוינען בשלום, ווען אלע אידן וועלן זיך ליב האבן, אן קיין חילוק וויאזוי מיר קוקן אויס.

וואס מיינט איר, ביי משיח וועלן אלע שפאצירן אנגעטון פונקט ווי דיר? ניין. עס וועלן זיין אלע סארט אידן, פון קליינע קאפעלעך ביז ירושלים'ער קאפטנס, און משיח וועט אונז אלע אויפנעמען מיט ליבשאפט און אונז לערנען אז "עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט!" משיח וועט לערנען דעם רבינ'ס לימודים. ווי דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט: "צווישן מיר און משיח איז נישטא קיין חילוק." נאר וואס דען? ווען משיח וועט קומען וועט שוין נישט זיין קיין בחירה, דאן וועלן שוין אלע אננעמען דעם הייליגן רבינ'ס עצות.

וואו נאך איז דא א חבורה וואס נעמט אריין יעדע שיכט און סארט פון כלל ישראל? יעדער שפירט זיך דא באקוועם אונטערן שאטן פונעם רבי'ן. טראכטן דען דא אלע דאס זעלבע? זענען דען אלע די זעלבע? "מוז מען" דא טראכטן און טון פונקט דאס זעלבע...? אוודאי נישט.

דא אין ברסלב דערמאנט מען אונז כסדר אז "זה מעשה שלו, וזה מעשה שלי..." דאס איז מיין מעשה און דאס איז יענעם'ס מעשה. וואס האבן מיר צו קוקן אויף יענעם. דא אין היכל הקודש האט יעדער זייער אייגנארטיגע 'דשורני' און מיר מעסטן נישט א מענטש בכלל. דא אין היכל הקודש געט מען די עצות פאר יעדן און יעדער קען עס נעמען לויט זיין נפש.

איין זאך יא, דא, אין היכל הקודש, פרובירט מען דיר צו איבעררעדן אז דו זאלסט טועם זיין און שפירן דעם טעם פון לעבן מיט'ן אייבערשטן און טראכטן פונעם אייבערשטן. הלוואי וואלט מען געקענט זאגן אז "אלע טראכטן אייניג" (און טראכטן פונעם אייבערשטן).

אנדערע פרעגן די שאלה אביסל אנדערש... א שאלה וואס פרישע מקורבים פרעגן צומאל. צומאל האבן געוויסע חלישות הדעת דערפון. "איז אמת אז אין היכל הקודש איז אפגעפרעגט און מען טאר נישט רעדן פון 'הילינג', מען מאכט חוזק, מען מאכט עס אוועק, מען איז קעגן אריינגראבן אין דעם עבר (PAST...מען איז אזוי... איך ווייס נישט וויאזוי עס מסביר צו זיין... אפשר טעקניקל, אויבערפלעכליך?")

צומאל דארף מען אזוי רעדן ווייל מען וויל דאך בשתיקה אריינשווערצן דעם רבי'נס עצות, אבער יענער קען עס נישט אננעמען אזוי 'סימפל' און פשוט. מען וויל הערן 'פאקטישע' און 'קראנטע' זאכן וואס העלפן...

איי... איי... דער רבי איז א סוד, און פאר וויפיל מענטשן מען וועט דאס זאגן, בלייבט עס א סוד. ווייזט אויס אז מען דארף אסאך אסאך תפילה זוכה צו זיין טועם צו זיין דעם טעם פון התבודדות.

"מען קען נישט מסביר זיין פאר א מענטש דעם טעם פון אייערשפייז," האט דער ראש ישיבה אמאל נאכגעזאגט, "אזוי אויך קען מען נישט מסביר זיין פאר א מענטש דעם טעם פון לעבן מיט'ן אייבערשטן. מען קען אים זאגן איין זאך: 'טעמו וראו', קום פאר א טעיסטינג, קום פרוביר."

איינער וואס זאגט אז אין היכל הקודש פארשטייט מען נישט צו 'הילינג' אדער צו 'טערעפי', האט נאכנישט טועם געווען דעם טעם פון התבודדות.

עס איז נישטא נאך אזא 'אינטענס הילינג פראסעס' (א טיפע אינערליכע הילינג פראצעס) ווי התבודדות. עס איז אזוי אינטענס, אז נישט אלע קענען עס נעמען אזוי שנעל; אסאך בלייבן ביים וויסן פון התבודדות און פון די אלע שיעורים, אבער זיי האבן עס נאכנישט טועם געווען. פאר געוויסע איז עס פשוט צו אינטענס!

עס גייט אזוי טיף, טיפער ווי די אויבערפלעכליכסטע מענטשן... (!!)

צומאל ווען מען רעדט מיט מענטשן וויל זיך פרעגן: "האסטו אמאל פרובירט התבודדות?"

אבער יענער וואלט דיר לכאורה געענטפערט: "יא, אוודאי. איך הער שוין שיעורים פופצן יאר."

"זייער שיין. די שאלה איז אבער... דו גייסט התבודדות יעדן טאג?"

"אוודאי... איך פארשטיי נישט וואס דו פרעגסט..." וואלט מען לכאורה געענטפערט.

עס זעט אבער אויס דא ווי א שטיקל דור הפלגה. אדער ווייסט מען נישט וואס הילינג איז, אדער ווייסטו נישט וואס התבודדות איז.

ווען איינער (אינדרויסן פון היכל הקודש) רופט אמאל, און בעט אן עצה וויאזוי ארויסצוגיין פון א פראבלעם, דארף מען מאכן התבודדות 'פענסי' מיט

נעמען ווי 'סעלף טאלק', 'מעדיטעישאן', אדער 'פינף מינוט אינטראספעקשאן' (זייט מיר מוחל מיינע טייערע שוועסטער אין ארץ הקודש, איך ווייס נישט וויאזוי מען רופט די אלע 'טשאדעלע באדעלע ווערטער' - ווי דער ראש ישיבה רופט עס - ביי אייך.)

צומאל דארף מען אזוי רעדן ווייל מען וויל דאך בשתיקה אריינשווערצן דעם רבי'נס עצות, אבער יענער קען עס נישט אננעמען אזוי 'סימפל' און פשוט; מען וויל הערן 'פאקטישע' און 'קראנטע' זאכן וואס העלפן. די מח קען נאכנישט נעמען די (גארנישט אזוי) פשוט'ע עצות, דעריבער, דארף מען עס אביסל באפיצן אין אנהייב.

אבער פאר אונז, טייערע שוועסטער, אנשי שלומינו, וואס מיר זענען זוכה צו הערן דיבורי אמת פונעם קול הצדיק דארפן מיר זיך אויפוועקן און מחזק זיין. פארוואס זוכן מיר צו טרינקען קאלירטע אומגעזונטע וואסער, ווען מען פיטערט אונז ריינע, קלארע און לויטערע קוואל וואסער?

צווישן זיך קענען מיר דאך רעדן פשוט'ע דיבורים, לויטערע דיבורים. מיר קענען זאגן: "רעד צום באשעפער, רעד צום באשעפער, פרוביר עס נאכאמאל..... רעד צום באשעפער."

"דאס איז די עצה פאר אלע עצות. אויב איינער רעדט דיר איין אז עס איז דא אן אנדערע עצה, איז ער א פארפירער," דערמאנט אונז דער ראש ישיבה כסדר.

אין היכל הקודש איז מען קעגן הילינג? אזא שקר! עס איז נישטא נאך אזא שטארקע הילינג אין די וועלט ווי אין היכל הקודש.

אין היכל הקודש ווערט מען דיר אפשר אויפוועקן דו זאלסט נישט אפגענארט ווערן פון 'סקעמערס' און פארפירער וואס קענען זיך אליין נישט העלפן, אבער מיר זענען קעגן הילינג? אדרבה, קום און זיי טועם די עצות און זאג מיר אויב דו טרעפסט א שטערקערע הילינג.

"אבער מען רעדט דאך אזויפיל פון תמימות און פאלגן. ס'איז נישט א סתירה צו 'טראכטן' און 'הילינג'?" פרעגט מיר איין טאג, א פרוי וואס האט אנגעהויבן הערן שיעורים אבער שפירט נאך א טראפ צעמישט...

אייגנטליך... הילינג... טראכטן און תמימות און פאלגן גייען האנט אין האנט. איינס גייט נישט אן די צווייטע. מען מוז האבן תמימות און פאלגן צו קענען טראכטן פון הילינג!

איך ווייס נישט וויפיל פון אייך זענען באקאנט אדער האבן שוין פרובירט 'הילינג', 'ענערדזשי', אדער 'טערעפי' איידער מען איז אנגעקומען צום רבי'נס טערעפי. אבער דאס ווייסן אלע, אפילו ווען מען גייט צו א פשוט'ן דאקטער, אז אויב דו קומסט צום דאקטער און דו לאכסט פון אים נאך איידער דו הערסט אים אויס - און אפילו אויב דו הערסט אים יא אויס, אבער דו טראכסט אז אין געוויסע זאכן פארשטייסטו בעסער - איז א שאד יעדע מינוט, יעדע קוואדער, און יעדעס ווארט וואס מען רעדט דארט אין צימער.

איינער האט לעצטנס דערציילט אז זי קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט איר טאכטער. זי צאלט א ים מיט געלט פאר טערעפי, און איר טאכטער זאגט טאקע "יא, יא", אבער זי טענה'ט אז די טערעפיסט ארבעט זיך נישט אויס. און די סיבה איז טאקע ווייל איר טאכטער וויל נישט מקבל זיין, און וויל נישט 'טראסטן'. זי לאכט זיך שטילערהייט אויס.

דער גרעסטער און טייערסטער טעראפיסט אויף דער וועלט וועט דיר נישט קענען העלפן מאכן א קליינע קליינע טויש אין דיין לעבן אויב דו טראסט אים נישט, אויב דו בייגסט נישט איין דיין קאפ און פאלגסט אין אנהייב, אפילו דו פארשטייסט באמת נישט.

כדאי טערעפי זאל ארבעטן מוז צוערשט זיין א טראסט. אין אידיש, אין אונזער שפראך: תמימות און ביטול.

להבדיל, ווען מיר רעדן פון דעם רבי'נס טעראפי, פונעם שכל און די הייליגע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, מוז אוודאי זיין תמימות. (תמימות איז דאס ווייטסטע פון נארישקייט; תמימות איז געמאכט פאר קלוגע און טיפע מענטשן!) מען מוז קענען טראסטן און פרובירן און נאכדעם וועסטו זאגן אויב עס ארבעט אדער נישט.

אז דו קומסט שוין יא דא, אבער דו פארשטייסט און ווייסט שוין אלעס און דו האסט עס שוין "ארויס", איז דאך ממש א שאד. אז דו זיצסט שוין יא אין אפיס פון דעם גרעסטן פראפעסאר, בייג איין דיין קלוגן קאפ און הער אויס.

אויב ביסטו טאקע אזוי קלוג, דארפסטו דאך אליין פארשטיין אז א מענטש קען נישט אלעס פארשטיין. אויב ביסטו אזוי קלוג, דארפסטו וויסן אז מען קען אלעמאל ווערן קלוגער.

נו, פארוואס זאלסטו נישט פרובירן? אפילו אויב די עצה זעט דיר אויס פארצייטיש, יאנטשי אדער צוריקגעשטאנען, פרוביר עס. וואס האסטו צו דערלייגן? און אז דיינע חבר'טעס וואס גייען צו קורסן רעדן העכערע און מער מאדערנע ווערטער וואס קלינגען אזוי "קלאסיש", איז וואס? דער עיקר דארף מען קוקן אויף די רעזאלטאטן, אויף וואס מען האט אין די האנט. צאלן געלט און רעדן הויעכע ווערטער, העלפט נישט אין שלום בית, חינוך אדער א לעבן מיט'ן באשעפער.

דאס איז נישט קיין רעקלאמע... קיינער האלט דיר נישט אפ. אז דו ווילסט פרובירן די טייערע קורסן, וועט דיר קיינער נישט אפהאלטן. אין היכל הקודש זאגט מען דיר נישט וואס צו טון; מען אפפערט דיר שכל, מען אפפערט דיר שיעורים. אויב דו ווילסט טועם זיין,

גרייט מען דיר אן א שולחן עורך. אויב נישט, ווערט מען נישט ברוגז. מען האט דיר ווייטער זייער ליב!

נאר איין זאך, אלס א עצה טובה (דו מוזסט נישט, עס איז נישטא קיין שומר הפתח און מען שרייבט נישט אונטער קיין קאנטראקט פארן הערן שיעורים אדער ליינען "עצתו אמונה"): אויב דו ווילסט אויספרובירן און זען אויב די הילינג פון היכל הקודש האט א ממשות, דאן פאלג מיט תמימות.

> מען אפפערט דיר שכל, מען אפפערט דיר שיעורים. אויב דו ווילסט טועם זיין, גרייט מען דיר אן א שולחן עורך. אויב נישט, ווערט מען נישט ברוגז. מען האט דיר ווייטער זייער ליב!

מענטשן געבן אוועק אזויפיל צייט - טעג, וואכן און יארן פונעם לעבן - צו פרובירן יעדע עצה און יעדן מהלך וואס וועט זיי ברענגען צו ווערן א "בעסערע מענטש".

אפשר ווילסטו פרובירן אוועקצוגעבן איין חודש, אדער אפילו אביסל מער, וואס דו וועסט פאלגן - אבער באמת פאלגן - ווי א תם? (טראכט ווייטער... טיף טיף, נאר טראכט אז דו ווילסט פאלגן מיט א טיפקייט...)

הער אויס א שיעור און זיי זיך מתבודד עטליכע מינוט, אבער באמת, נישט די סארט ווי "איך רעד א גאנצן טאג צום אייבערשטן".

לאמיר פאלגן דעם ראש ישיבה און נעמען 'איין מינוט' א טאג. צעטייל די מינוט: צוואנציג סעקונדעס דאנקען, צוואנציג סעקונדעס בעטן, און צוואנציג סעקונדעס איבערבעטן דעם אייבערשטן.

און אז דו האסט אביסל מער צייט און דו קענסט זיך מער מתבודד זיין, אויסשמועסן און דערציילן, מה טוב ומה נעים! דעמאלטס וועסטו טאקע קענען באמת אויספרובירן דעם מעטאד, די טעראפי, די GROWTH PROCESS, די הילינג און די INTERNAL CHANGE (אינעווייניגסטן טויש).

מיר דארפן זיך אויפוועקן און זיך אויפפרישן; מיר דארפן ווערן פריש מקורב. אשרינו אז מיר ווייסן פון אזא רבי'ן, אשרינו אז מיר זענען זוכה צו לעבן מיט אזא ראש ישיבה וואס ברענגט אראפ די עצות אזוי פשוט פאר אונז עס צו קענען פארדייען.

טראכטן? אוודאי זאלסטו טראכטן. דו זאלסט טיף און גוט טראכטן און איבערטראכטן. טראכט פון די שכל וואס מען גיט דיר דא; טראכט פון תכלית און פונעם אייבערשטן.

הייב אן גיין א שפאציר מיט'ן אייבערשטן. יעצט ווען די וועטערס זענען אזוי געשמאק, טרעף זיך א שטיל ווינקל וואו צו גיין, צי אויף דיין פארטש, אדער ארום די גאס, אדער אפילו נאר ביים פענסטער פון דיין שטוב, אויב דו וואוינסט אין א געדיכטע געגנט... און דערצייל אים אויס דיין ווייטאג, דיין עבר, דיינע ספיקות, דיין זארג, דיינע נארישע מחשבות וואס דו קענסט קיינעם נישט דערציילן, דיינע דורכפעלער וואס דו ווערסט רויט ווען דו דערמאנסט זיך, דיינע קאמפלעקסן, דיינע חלומות, דיינע דמיונות, דיינע שיטות און דעות, דיין ווייטאג פון אלס קינד, דיין מוטלאזקייט, דיין אויסגעלאשענע שלום בית, דיין פחד פאר'ן צוקונפט, דיינע בלבולים און חלישות הדעת, דיין קנאה וואס בייסט דיר און דו שעמסט זיך אפילו מודה צו זיין.

און גיי אריין נאך טיפער... דערצייל אים וואס דו ווילסט זיין, וואס דו חלומ'סט צו ווערן.

און גיי נאך טיפער...

דערצייל אים דיינע רצונות און שאיפות, דיין אמת'ע אמת'ע טיפע... טיפערע... טיפערע.... אינערליכקייט. דיין אמת'ע אמת... אז באמת ווילסטו לעבן נאר פאר'ן אייבערשטן. און באמת, אונטער דיין פארשטיינערטע הארץ ליגט א הארץ וואס גיסט זיך פאר'ן אייבערשטן; דארט אינעווייניג ליגט א הארץ וואס וויל זוכה זיין צו זיין גוט און ערליך און אויפשטעלן ערליכע הייליגע דורות...

און גיי נאך טיפער...

און זאג: "אייבערשטער, איך וויל גארנישט. איך וויל נאר דיר... 'מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ'... איך דארף נישט קיינעם... נאר דיר באשעפער אליינס... נישט די וועלט און נישט יענע וועלט, נאר דיר באשעפער אליינס!"

זאגט מיר, טייערע שוועסטער: אין היכל הקודש הערט מען אויף צו טראכטן, אדער מען הייבט ערשט אן צו טראכטן? האסטו שוין אמאל געטראכט "אזוי טיף"?




# קאר ליעס

יענקל פארט ארויס פון קאר דילער מיט'ן נייעם קאר. עס איז זיך גאנץ גוט געפארן, גלאטיג-געשמירט.

דאס מאל האט זיך יענקל ערלויבט א שטיקל אפגרעיד מיט זיין קאר, וואס ער ניצט דא רוב טאג אלס ביזנעסמאן אויפן ראוד. וויבאלד עס קומט אים אויס צו פארברענגען אסאך שעות אין זיין קאר, האט ער זיך געמאכט א חשבון אז ער וועט ארײנלייגן די ביסל איבריגע פאר דאלער צו אפגרעידן די קאר מיט באקוועמע פיטשעווקעס, וויבאלד עס דינט דאך אלס זיין טעגליכע אפיס וואו ער דארף פארן פון איין פלאץ צו די אנדערע.

עס האט זיך גאנץ גוט געשפירט דעם חילוק פון זיין פאריגע קאר צום יעצטיגן אפגרעידעד לאקזשורי קאר. עס איז פיל העכער און מאכט אים שפירן קעניג אויפן וועגן. אזוי אויך איז עס ברייטער און האט מער פלאץ פאר זיינע צעטלעך, פאפירן, פעדערן, קאווע, טעלעפאן, און אזוי ווייטער, אלעס וואס ער דארף האבן זיך צו באנוצן מיט דורכאויסן טאג.

יענקל לאזט ארויס א פרייליכן "שכח אייבערשטער", שעפשעט תפילת הדרך, און מ'פארט.

ביים אנקומען אהיים האט אים עפעס געקיצלט.

ער קומט ארויס פון זיין קאר נישט גלייבענדיג וואס ער זעט. 'איך יענקל, א פשוט'ער סוחר, פאר ארום מיט אזא אויפגעריסענע קאר, כ'וויל דאך נישט אויפרייסן יענעמ'ס אויגן, כ'וויל נישט ברענגען קיין קנאה אויף מיר, אבער איך דארף דאך האבן דעם קאר לצורך

באקוועמליכקייטן און נויט ביים זיכן צו ברענגן פרנסה'.

שפעטער ווען יענקל איז ארויסגעגאנגען צו מעריב, האט אים ווידער געקיצלט די גלאנץ פון זיין נייע קאר. אמת ער איז בארעכטיגט עס צו האבן, אבער וואס פעלט אויס אז יענער זאל פון דעם האבן קאפ ווייי און בויך דרייענישן.

ס'איז אזוי אריבער אפאר טאג, און יענקל האט שוין פארלוירן בכלל 'די היי' וואס קומט מיט מיט יעדע נייע זאך.

(ווי דער ראש ישיבה האט לעצטנס אויסגעשמועסט ביי א שיעור, אז ווי לאנג קען א מענטש זיין פרייליך מיט א גשמיות'דיגע זאך? נאר אזוי ווי מ'האט עס נאכנישט, מ'ווארט דערויף, מ'קוקט ארויס ווען וועל איך שוין יענץ באקומען, אבער איין מאל מ'באקומט עס שוין, גייט דאך די גאנצע שמחה דערפון ארויס, מ'האט דאך שוין די זאך, דארף מען יעצט ארבעטן אויף אמת'ע שמחה מיט די 'שלא עשני גוי' און די נקודות טובות וואס יעדער איד פארמאגט אין זיך.)

די טעג זענען געלאפן, און די קאר איז געווארן א חלק פון יענקל'ס טעגליכע לעבן, ער איז שוין געווארן צוגעוואוינט דערצו. פון צייט צו צייט אבער, ווען ער איז ארויסגעקומען פון בית המדרש און זיך דערזען וואקן צו דעם הויכן געפוצטן קאר וואס האט אזוי אנדערש ארויסגעשטארט ווי די אנדערע קארס וואס זענען דארטן געווען געפארקט אין די פארקינג לאט פון די שול, פלעגט אים עס דאך שטעכן, 'וואס פעלט מיר אויס א שלעכטן אויג'?

איין טאג, איינע פון יענקל'ס קינדער האבן געהאט א פראגראם אין די דעי קעמפ פון חדר, ווי מ'האט געמאכט א טאג פאר די יונגלעך זיך אויסצולופטערן מיט א געשמאקע באלל געים.

ס'איז געווען א קאלער-ווארר קאמפעטישן ווי די יונגלעך האבן זיך גוט אויסגעגעבן זייער געזונטע ענערדזשי אין די זומער טעג.

פרייליכערהייט איז זיין זון הערשל אהיימגעקומען מיט די בעדזש פון זייער טיעם פון קאליר-וואר וואס האט געוואונען די באלל געים.

הערשל וויזט פאר זיין טאטע מיט שטאלץ אז היינט ביים שפילן האט זיין טיעם געוואונען, און ער איז געווען פון די לעצטע פאר קינדער וואס האבן געהאלפן מאכן דעם געווינס. "טאטי," רופט ער אויס, "איך האב אהיימגעברענגט אן אויסצייכענונג פון די שפיל וואס מ'האט געטיילט אין די זומער קעמפ, ס'איז א מאגנעט מיט די סימבאל פון אונזער טיעם וואס האט געוואונען די באלל געים."

ער נעמט ארויס פון טאש א מאגנעט וואס האט אויף דעם א באלי אויפגעשריבן מיט די נאמען פון זיין טיעם וואס האט געוואונען.

יענקל האט געגעבן די אויפמערקזאמקייט פאר זיין זון און באזייטיגט די מאגנעט. שפעטער ווען ער איז ארויסגעלאפן כאפן מעריב, האט ער באמערקט ווי דער מאגנעט קלעבט אויף די טראנק פון זיין קאר.

'זאל זיין אזוי', טראכט ער צו זיך, 'די געשפיצטע אויסגעפוצטע קארס לאזן דאך נישט צורירן דערצו, איך וויל דאך טאקע דאס, אז מיין קאר זאל נישט אויסזען אזוי געפוצט און אזוי שטעכיג, זאל עס האבן אזא אנגעקלעבטע אויסגענוצטע אויסזען', שמועסט ער זיך אויס אין זיין אייגענעם מח.

א קלאפ אין רוקן.

יענקל געבט זיך א דריי אויס.

חיים, א באקאנטער פון געגנט, צעשמייכלט זיך, און זאגט, "יענקל" מיט גאר אן ערענסטע שטימע, "איך פארשטיי דיך נישט. וואס טראכטסטו? וואס איז דיין חשבון? דו ווייסט אז דו ביסט נאר צוויי קאר ליסעס אוועק פון שידוכים. דו האלטסט שוין באלד אין די פרשה פון שידוכים ביי די קינדער, פארוואס קלעבסטו אזא סטיקער אויף דיין קאר? וואס וועט מען זאגן אויף דיר? וואס וועט מען טראכטן פון דיר ביי שידוכים? דו דארפסט טראכטן וואס דו טוסט! ביז היינט האט עס אויסגעקוקט גוט, ווי די האסט עס, די מאכסט עס, ביסט פון די בעסערע חברה, אבער אז דו פארקלעבסט דיין קאר, וועט מען זיך רעכענען דערמיט ביי שידוכים. דארפסט זיך בעסער היטן."

שטעלט אייך פאר, א מענטש לעבט זיך אפ זיין זיבעציג, אכציג יאר דא אויף די וועלט מיט נאר איין מחשבה!

וועלכע מחשבה איז דאס?

**ווילסטו געפעלן די שכינה, אדער ביסטו דא צו געפעלן דיין שכנה?**

**"ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה"**

בס"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות
# מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די
גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות
טובות, עצות און חיזוק




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

IDEA. 8457769664

# Fruit Soup

S. LEVY

רעספּי פונדערהיים

## INGREDIENTS

10 peaches
20 plums (preferably red)
1 bag fresh cherries
Sugar to taste if desired

## DIRECTIONS

Place pitted peaches and plums into pot.
Fill pot with water till it reaches to about half of the fruits.
Cook on low flame for about an hour. When cooked and fully soft blend soup.
Add pitted fresh cherries (cherries don't end up being cooked just put into pot when soup is hot)
Serve chilled and or slushy! Enjoy!



קאלטע זופ?

מ'עסט הייסע זופ, אזוי ווייס איך און שוין, דריי מיר נישט קיין קאפ

אמאל טוט מען אנדערש!!! ווי מען פארשטייט, אזוי האט מען הנאה

א קאלטע ווארטאריוסרעדן צום אייבערשטן?

מ'רעדט נאר ווען מ'האט א ווארעמע געפיל?

אויב וועסטו ווארטן אויף ווארעמע געפיל צו דינען דעם אייבערשטן, קען זיין וועסט זיך זען פארפאסן גן עדן אויף די וועלט!

מ. פעדער

# א צעמענטענע קעדי עסקעלעיד



דער זייגער ווייזט שוין אן אויפן נומער אכט. יאסל יאגט אונטער זיין קאר, פארנדיג אין די גאסן וועלכע ווערן שוין טונקעלער; אויסגעמוטשעט נאך א שווערן טאג ארבעט, האפט ער ווי שנעלער אנצוקומען אהיים, כדי צו קענען אביסל אראפלייגן זיינע מידע ביינער.

יאסל האט טאג-טעגליך ביטער שווער געארבעט. ער האט נעבעך נישט געוואוסט פון דעם וואס דער ראש ישיבה לערנט אויס די יונגעלייט: אז עס איז נישטא עפעס וויכטיגער ווי אהימצוקומען פארברענגען מיט די ווייב און קינדער. ער פלעגט עס אנקוקן ווי א איבעריגע זאך, א שאד די צייט; מען קען דאך אין די צייט מאכן נאך אפאר דאלער.

און אזוי, אויסגעמוטשעטערהייט נאך א טאג פון נאכלויפן געלט, זיצט ער שוין אין זיין קאר אויפן וועג אהיים. ״נאך עטליכע גאסן און מען קומט שוין אן,״ טרייסט ער זיין אלטע קאר, וואס שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות ווייטער צו פארן.

ביז עטליכע מינוט זענען זיי שוין דארט. יאסל זוכט זיין באשטימטן פארקינג ספאט, און ער ווערט ערשטוינט דערזעענדיג א קאר פארקן אויף זיין פלאץ; און נישט סתם א קאר, נאר א גרויסע ׳קעדי עסקעלעיד׳. יאסל גייט ארויס פון זיין קאר מיט א בייזן פנים. ער פירט אריבער זיין בליק פון זיין נעבעכדיגן קאר צו די גרויסע פראכטפולע קאר אויף וועלכע ער קען בלויז חלומ׳ען, און זיין כעס צינדט זיך אן.

״ווער מיינט ער אז ער איז?״ רעגט ער זיך אויף, ״ווייל ער האט אן ׳עסקעלעיד׳ מיינט ער אז ער איז דער בעל הבית? ער מיינט ער קען אוועקנעמען יענעמ׳ס באשטימטע פארקינג?״

יאסל פלאקערט פאר כעס; ווען ער קען ווען, וואלט ער צופיצלט די קאר אויף שטיקלעך. ער קוקט זיך ארום און זעט א ריזיגע צעמענט-טראק שטיין בלויז עטליכע פיס אפגערוקט פון אים.

יאסל קאכט פאר אויפרעגעניש און כאפט אפילו נישט וואס ער טוט.

ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות כעס): "כל הכועס חכמתו מסתלקת" - בשעת א מענטש רעגט זיך, פארלירט ער זיין דעת, זיין שכל און זיין ישוב הדעת.

ער גייט צו צום צעמענט-טראק, שלעפט ארויס דעם פייפ און נעמט זיך גיסן צעמענט, באדעקנדיג די קאר פון קאפ ביז פיס. ערשט נאכדעם וואס מען האט שוין מער נישט געקענט זען קיין איין שטיקל פון די קאר, האט זיך זיין צארן אביסל אפגעשטילט. ער אטעמט אפ, דרייט זיך אויס און הייבט אן ארויפצוגיין די סטעפס צו זיין הויז.

ער געבט א קליינע קלאפ אין טיר, ווי פארוואונדערט ווערט ער זעענדיג זיין גאנצע משפחה: אלע זיינע חתונה געהאטע זון און טעכטער זיצן ביי א הערליך געדעקטן טיש, און אין שטוב הערשט א יום-טוב'דיגע שטימונג. באלאנס הענגען פונעם דאך און גרויסע "מזל טוב" סיינס שרייען ארויס צו אים פון יעדן ווינקל.

'וועלכע ספעציעלע טאג געפאלט היינט?' טראכט ער צו זיך אינגאנצן צומישט. ער האט זיך אבער נישט געדארפט פלאגן צו לאנג, ווייל ער האט שוין באקומען דעם ענטפער דורך זיין ווייב און קינדער'ס פילע וואונטשן לכבוד זיין פערציגסטן געבורטסטאג.

יאסל באטראכט די באצירטע סיינס, באדאנקט זיך שיין פאר די סורפרייז וואס מען האט אים אנגעגרייט, און פילט זיך ממש ווי פרעה ביי זיין געבורטסטאג.

"און יעצט קומט די מתנה," שמייכלט זיין ווייב.

"טאטי, דו ווייסט וואס מען האט דיר געקויפט?" פרעגט זיין יונגסטער זון מיט שטראלנדע אויגן, "זאל איך דיר אויסזאגן?"

יאסל ווערט שוין נייגעריג.

דער זון קען זיך שוין מער נישט איינהאלטן: "מיר אלע אינאיינעם האבן דיר געקויפט עפעס וואס דו חלומ'סט שוין לאנג צו האבן! דו קענסט גיין אונטן עס זען, עס ליגט אויף דיין באשטימטן פארקינג..."

יאסל ווערט שווארץ פאר די אויגן; ער פילט ווי ער חלש'ט אוועק. יא, צוליב אביסל כעס און צוליב זיך נישט קענען באהערשן, האט ער אלעס פארלוירן. זיין גרעסטע גליק האט ער חרוב געמאכט מיט די אייגענע הענט.

די מעשה איז טאקע נישט עכט פארגעקומען, אבער באמת קען זיך די זעלבע מעשה אפשפילן ביי אונז אינדערהיים. טאקע אן קיין 'עסקעלעיד', אן קיין צעמענט-טראק, און אן קיין געבורטסטאג, אבער דאך האט עס אסאך ענליכקייטן.

לאמיר נעמען א פרוי וואס ווארט אינדערהיים אויף איר מאן; דאס עסן איז שוין גרייט, זי זיצט און ווארט, אבער 'ואיננו' - ער איז נישט דא. זי קען אפמאכן צו ווערן ברוגז און זיין באבלאזן, און זי קען אפילו האבן די פולע רעכט, אבער למעשה גייט זי נאר דערלייגן דערפון. זי גייט מיט די אייגענע הענט חרוב מאכן איר טאג.

אנשטאט זיי זאלן קענען זיצן געשמאק, עסן סאפער, שמועסן און פארברענגען, גייט יעצט די גאנצע אטמאספער אין שטוב ווערן אומבא'טעמ'ט. אבער א קלוגע פרוי וואס וועט זיך באהערשן, וועט האבן א געשמאקע שטוב און א גוטע אטמאספער אינדערהיים; זי גייט נאר פארדינען דערפון.

ווייל ווען מען האט סבלנות, דערלעבט מען צו זען שיינע זאכן.

איך האב אמאל געהערט א הערליכע שיעור פון מרת היילפרין תחי' וואו זי רעדט איבער דעם ענין, און זי ערקלערט עס אזוי:

שטעל דיך פאר אז דו ווייסט אז דיין מאן קומט היינט שפעט אהיים ווייל ער איז געגאנגען קויפן א מתנה פאר דיר, וואלטסטו אים זיכער אפגעווארט מיט א שמייכל טראץ זיין שפעט קומען

און אז ער האט דיך נישט געקויפט א מתנה, קומט אים שוין אזא קאלטע קבלת פנים?

בעצם איז די פרוי די 'עקרת הבית' - דער עיקר פון דעם שטוב. אויב די פרוי איז קלוג און זי האט סבלנות, פארדינט די גאנצע שטוב דערפון. ווען די פרוי איז פרייליך ווערט דער מאן אויך פרייליך, און אז די קינדער זעען אז די טאטע און מאמע זענען פרייליך, ווערן זיי אויך פרייליך.

איך האב געזען א בריוו אין 'עצתו אמונה' (פרשת אמור תשפ"ו) וואו דער ראש ישיבה שרייבט פאר א פרוי: **"אז איר וועט זיין פרייליך – וועט זיין א ברכה אין שטוב. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כ"ט): 'כי עיקר העשירות על ידי האשה', אז די פרוי – זי איז מזכה די שטוב מיט שפע. דורך זיין פרייליך, דורכ'ן קוקן גוט אויפן מאן, און דורך זיך מבטל זיין צום אייבערשטן."**

זעהט מען פון דעם, אז אויב א פרוי איז קלוג, זי דערהאלט זיך זי האט סבלנות, ברענגט זי אויפן גאנצן שטוב פיל שפע און ברכות, און זי האט א שיינע לעבן.

וויאזוי קען מען זוכה זיין צו דעם? דורך דעם וואס מען געבט זיך איבער צום אייבערשטן, מען וויל גארנישט און מען דארף גארנישט, נאר וואס דער אייבערשטער וויל.

'**המתן**' זענען די זעלבע אותיות ווי '**מתנה**' - אז מיר וועלן האבן סבלנות און מיר וועלן זיך דערהאלטן, וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף דערלעבן שיינע זאכן.

# קינדער היים



"ווי אן אייגן קינד" - יארצייט

די קנאה ווערמל
- משפחת גליק

די הארבקייט פון ביטול תורה
- א שטיקעלע ספר המדות

# מיט  תפלה




געמאלן דורך: **ח. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון ״קול ברסלב״ האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

מיר הֵייבְּן צוּרִיק אָן שְׁרַייבְּן מִשְׁפַּחַת גְלִיק, אַ פְּרִישֶׁע טַאלַאנְט מִיטְן נָאמֶען ח. צ. גְלִיק.

צִירִי דֶערְצֵיילְט:

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְרַאשְׁט זִיךְ צוּרִיק בַּאקֶענֶען מִיט אַלֶע טַייעֶרֶע בְּלֶעטְל קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט.

נֶעכְטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן סְקוּל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעצְן נֶעבְּן מַיין שָׁכֵנְ'טֶע מִרְיָם. מִיר הָאבְּן פְּרַיינְטְלִיךְ פַּארְבְּרֶענְגְט און גֶעשְׁמוּעֶסְט. מִרְיָם הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וֶועגְן אַ נֵייעֶ שְׁפִּילְצֵייג וָואס אִיר מַאמֶע הָאט אִיר גֶעקוֹיפְט. "דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי אִינְטֶערֶעסַאנְט עֶס אַרְבֶּעט," הָאט מִרְיָם דֶערְצֵיילְט מִיט גְלַאנְצִיגֶע אוֹיגְן.

"וֶוען מֶען קְוֶועטְשְׁט דִי קְנֶעפְּל אִין דִי זַייט, הֵייבְּט אָן פְלִיעֶן פִּינְף בְּאַלְס אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועגְן, עֶס מַאכְט לֵייטְס, פְּרֶעג בֶּעסֶער נִישְׁט."

אַזוֹי אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן הָאבְּן מִיר בַּאמֶערְקְט אַז מִיר דַארְפְן שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין פוּן בָּאס. מִרְיָם אִיז אַהֵיים מִיט טַאנְצֶעדִיגֶע טְרִיט, וֶוען אִיךְ שְׁלֶעפּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַאטֶערְהֵייט.

ווִי אַן אַלְטֶע בַּאבֶּע גֵיי אִיךְ אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ צוּ אוּנְזֶער הוֹיז, וֶוען פְּלוּצְלִינְג גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַ שְׁטֶעל אָפּ. "אֵיין מִינוּט, צִירִי," הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין, "וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט? דוּ בִּיסְט מִיט אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, און יֶעצְט שְׁלֶעפְּסְטוּ זִיךְ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג און אוּמֶעטִיג."

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן טְרֶעפּ, און שְׁטִילֶערְהֵייט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארְן אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג. וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר?" אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרָאפּ פוּן דִי בָּאס נָאכְן גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט מִרְיָם. זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט... פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. מִרְיָם'ס נֵייעֶ שְׁפִּילְצֵייג! אֲהָה! מִן הַסְתַּם הָאט דִי קִנְאָה וֶוערֶעמְל אַרַיינְגֶעקְרָאכְן בַּיי מִיר אִין הַאַרְץ.

קִנְאָה אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מַיין לֶערֶערִין מָרַת כֹּהֵן הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִידוֹת אַז דִי בֵּיינֶער צֶעגֵייעֶן דוּרְךְ קִנְאָה.

"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז עֶס מַסְבִּיר", הָאט מָרַת כֹּהֵן עֶרְקְלֶערְט, "אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מְקַנֵא אַנְדֶערֶע, אִיז זַיין לֶעבְּן אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, און

ח. צ. גליק

עֶר װֶערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט״.

אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי שׁוֹין! אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף אַלֶע שֵׁײנֶע שְׁפִּילֶערֵײעֶן װָאס אִיךְ הָאבּ יָא, הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיר גֶעמַאכְט קוּקְן נָאר אוֹיף מִרְיָם׳ס מֶעכְטִיגֶע שְׁפִּילְצֵײג װָאס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט.

״אֵײבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּ שִׁיקְסְט מִיר גוּטֶע שְׁפִּילְצֵײג. אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע, הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵײבִּיג זַײן נָאר פְרֵײלִיךְ אוּן קֵײנֶעם מְקַנֵא זַײן״.

פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט מֶער בְּכֹחַ, אוּן מִיט אַ שְׁמֵײכְל בִּין אִיךְ אַרַײן אִין הוֹיז בַּאגְרִיסְן מַײן מַאמֶע.



# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **מוהרא"ש זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער ריבניצ'ער זצ"ל**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן ארייגגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



# יארצייטן פון די וואך

דער הייליגער רבי
## שלמה באבוב'ער
זי"ע

יארצייט:
ר"ח תמוז

**פַארְגַאנְגֶענֶעם דִינְסְטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּז, אִיז גֶעפַאלְן דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער עֶרְשְׁטֶער בָּאבּוּבּ'עֶר רָב, הרה"ק רֶבִּי שְׁלֹמֹה זצוק"ל.**

אִין דֶעם יוּנְגְן עֶלְטֶער פוּן אַכְט יָאר אִיז זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע רֶבִּי מֵאִיר נָתָן, אַ זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב, נִפְטָר גֶעוָוארְן. זַיין הֵיילִיגֶער זֵיידֶע הָאט אִים גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג; הַיינְט וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן 'יִתְגַּדֵל וְיִתְקַדֵשׁ שְׁמֵי' רַבָּה'!"

נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן אִיז זַיין מַאמֶע, דִי רֶעבֶּעצִין בֵּילָא ע"ה, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, גֶעפָארְן וואוֹינֶען נֶעבְּן אִיר הֵיילִיגְן טַאטְן, רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר דְזְשִׁיקָאוֶוער זצ"ל. דָאס יוּנְגֶע קִינְד הָאט גֶעוואוֹינְט בַּיי זַיין זֵיידְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָפְט צוּרִיקְקָפָארְן קַיין צַאנְז צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב, וֶועלְכֶער הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט.

בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר הָאט דֶער בָּאבּוּבּ'עֶר רָב חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי שָׁלוֹם קַאמִינְקֶער זצ"ל. אַ יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה (בַּיי דִי פוּפְצְן יָאר!) הָאט מֶען אִים שׁוֹין גֶעבֶּעטְן צוּ קוּמֶען דִינֶען אַלְס רָב אִין דִי שְׁטָאט בּוּקַאוְוסְק. עֶר פְלֶעגְט אָבֶּער נָאךְ אַלְץ כְּסֵדֶר גֵיין צוּם הֵיילִיגְן זֵיידְן, דֶער צַאנְזֶער רָב, אוּן פוּן אִים מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה אוּן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

דֶער בָּאבּוּבּ'עֶר רָב הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעזֶען אִין יֶעדְן אִיד נָאר גוּטְס. עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְגֶעמַאכְט, אֲפִילוּ דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר אַסַאךְ אִידְן צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען דָאס זֶען פוּן דִי פָאלְגְנְדֶע מַעֲשֶׂה.

אֵיינְמָאל אִיז אַ פְרוֹי, אַן אַלְמָנָה, גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם רָב פוּן אִיר שְׁטָאט מִיט אִיר אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען.

"רָב לֶעבְּן, מַיין מַאן אִיז מִיר נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאר דֶער אֵיינְצִיגֶער זוּן. אָבֶּער לֵיידֶער, קֶען עֶר נִישְׁט קַיין עִבְרִי, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט זָאגְן קַיין קַדִישׁ. אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רָב הֶעלְפְן?"

דֶער רָב הָאט גֶעגֶעבְּן אַ קוּק אוֹיף דֶעם זוּן. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער בָּחוּר; זַיינֶע הָאר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאוַואקְסְן אוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן וָואס דֶער רָב זָאגְט.

לֵיידֶער אִיז יֶענֶער רָב נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶרְלִיכֶער רָב.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אוּנְז כְּסֵדֶר, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכְן רָב וָואס וֶועט אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַסַאךְ מָאל רַבָּנִים וָואס זֶענֶען "פַארְפִירֶער" - זֵיי נַארְן אוֹיס מֶענְטְשְׁן. וִויאַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַן עֶכְטְן עֶרְלִיכְן רָב? נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פִיר מִיךְ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. הֶעלְף מִיךְ זַיין בַּיים צַדִיק אֱמֶת מַיין גַאנְץ לֶעבְּן."

דֶער רָב פוּן יֶענֶע שְׁטָאט, וֶועלְכֶער אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי עֶרְלִיךְ, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶער מַאמֶע: "פַאר צוּ רֶבִּי שְׁלֹמֹה בָּאבּוּבּ'עֶר, עֶר הָאט אַ יְשִׁיבָה פַאר אַ בָּחוּר פוּנְקְט וִוי דַיין זוּן."

יֶענֶער רָב הָאט גֶעוָואלְט דֶערְמִיט חוֹזֶק מַאכְן פוּנֶעם בָּאבּוּבּ'עֶר רָב אוּן אִים פַארְשֶׁעמֶען. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רָב וֶועט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אוּן טְרַאכְטְן, "אַזַא בָּחוּר שִׁיקְסְטוּ מִיר?"

אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת.

דֶער בָּחוּר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בָּאבּוּבּ'עֶר רָב אוּן אִיז אַרַיין צוּ אִים. עֶר זָאגְט אִים: "מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיר קֶענְט אַרַיינְנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וִוי מִיר."

דֶער בָּאבּוּבּ'עֶר רָב, וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה מִיט גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער בָּחוּר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין אַלֶף-בֵּית אוּן אַז עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פִילְן בַּאקְוֶועם צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִישֶׁע בָּחוּרִים. אָבֶּער עֶר הָאט חָלִילָה נִישְׁט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דֶעם בָּחוּר, נָאר **עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר וַוארֶעם אוּן אִים גְלַייךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין יְשִׁיבָה.**

דֶער בָּאבּוּבּ'עֶר רָב זצ"ל הָאט בַּאצָאלְט גֶעלְט פוּן זַיין אֵייגֶענֶע טַאשׁ, פַאר אַ אִיד וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים א-ב, דֶערְנָאךְ עִבְרִי, חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. אוֹיךְ הָאט עֶר אִים גֶעקוֹיפְט נֵייעֶ שֵׁיינֶע חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

דֶער בָּחוּר, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער, אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אוּן הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גוּטְן ווילְן, הָאט אַלֶעס גֶעפָאלְגְט וָואס דֶער רָב הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר אִיז צוּם סוֹף אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶטְלִיכֶע יָאר אִיז דֶער בָּחוּר דָארְט גֶעזֶעסְן, אוּן **פוּן אַ צוּלָאזְט גַאסְן-קִינְד אִיז עֶר גֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם.**

בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה. אֵיין טָאג הָאט דֶער בָּחוּר בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיין מַאמֶע, דִי אַלְמָנָה. אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט זִי אַז זִי ווִיל אַז אִיר זוּן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער בָּחוּר אִיז אַרַיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעווִיזְן דֶעם בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אַהֵיימְפָארְן, אוּן הָאט מִיטְגֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו וָואס עֶר זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר יֶענֶעם נִישְׁט-עֶרְלִיכְן רָב וָואס הָאט אִים אַהֶערְגֶעשִׁיקְט.

אִינֶעם בְּרִיוו הָאט דֶער בָּאבּוּבֶער רָב גֶעשְׁרִיבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אִים מְזַכֶּה זַיין מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואסְפַארַא תַּלְמִיד חָכָם דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוָוארְן.

דֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט וָואס עֶר זֶעט. עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ נִישְׁט-עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָא זֶעט עֶר פַאר זִיךְ אַן אֵיידֶעלְן בֶּן תּוֹרָה.

רֶבִּי שְׁלֹמֹה זצ"ל, מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל אוּן דוּרְכְ'ן קוּקְן גוּט אוֹיף דֶעם בָּחוּר, הָאט אִים אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט.

אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה רפ"ב), אַז דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד קֶען מֶען אִים אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן אַ גוּטְן ווִילְן. אֲפִילוּ אַ אִינְגְל וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין א'-ב', אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִיאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוּן גֶעהַאט אַ גוּטְן רָצוֹן, אִיז עֶר מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בָּחוּר חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אוּן זַיינֶע דוֹרוֹת צִיעֶן זִיךְ נָאךְ בִּיז הַיינְט!

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**



# טרעפליך

טרעפף די
פאלגענדע
בילדער











**שכח אייבערשטער**
**מ׳פאקט זיך צו קאנטרי**


ברכות
Kosher
Kosher

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אדער א נסיון אדער א בזיון!"

## ברסלב'ע חידות

**אין וועלכע שטאט איז דער הייליגער רבי געבוירן געווארן?**

א. ברסלב
ב. מעזיבוש
ג. באַרדיטשוב
ד. מעדוועדיווקע

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

די לעצטע ווערטער פון ר' נתן איז געווען "חנון המרבה לסלוח"

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט איין האנט, און טויזנט פיס?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א, גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

### אֲכִילָה

**ד. בַּעֲווֹן עִנּוּי הַדִּין וְעִוּוּת וְקִלְקוּל הַדִּין וּבִטּוּל תּוֹרָה, בַּצָּרַת בָּא, וּבְנֵי אָדָם אוֹכְלִים וְאֵינָם שְׂבֵעִים וְאוֹכְלִים לַחְמָם בַּמִּשְׁקָל.**

דִי עֲבֵירָה פוּן פַארְשְׁלֶעפְּן אוּן פַארְדְרֵייעֶן אַ דִין תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ דִי עֲבֵירָה פוּן בִּיטוּל תּוֹרָה, בְּרֶענְגְט אַ טְרוּקֶענִישׁ אוּן אַן הוּנְגֶער, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נִישְׁט זַאט פוּנֶעם עֶסְן, אוּן מֶען דַארְף אָפְּוֶועגְן אוּן אָפְּמֶעסְטְן דָאס עֶסְן.

